STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05941

YIDISH LEBN

Judah Loeb Orlean

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה לייב ארלעאַן.

ייִדיש לעבן

לערן־בוך פאַר יהדות

הקדמה

באַך זעקס יאָר, זינט ס'איז אַרויס דער ערשטער טייל ייִדיש לעבן, (לערן־בוך פאַרן יהדות־לימוד אין די ב"י שולן) דערשיינט יעצט דער צווייטער טייל. כ'האב דעמלט גיהאפט, אַז נאָך אַזאַ צייט וועלן זיכער שוין דערשינין זיין אַלע צען טיילן, ווי כ'האב מיר גימאַכט דעם פלאַן. ליידער האב איך טראָץ מיין שטאַרקן ווילן דאָס נישט באַוויזן. ערשט איינזעענדיק, וואָס אַמאָל מער, די אומגיהייערע נייטיקייט פון די דאזיקע לערן־ביכלעך, האב איך מיך פאַרט מיט פיל מי אָנגישטרענגט די לעצטע חדשים דאָס ביכל אַרויסצוגעבן. כ'האף אבער פאַרט צו השי"ת, אַז כ'וועל קאָנין וואָס גיכער אַרויסגעבן די ווייטערע טיילן. דאָס מאַטעריאַל האט דורכגיזעען אַ זייער חשובער בר־אורין, קאָנטראָלירט די הלכות און צוגיגעבן זייער וויכטיקע הערות. צוליב דער רייכקייט פונים מאַטעריאַל, ווי אויך צוליב די עיקר־דיקע ידיעות, וואָס קומין דאָ אַריין, בין איך גיצווינגין גיוועזן אין עטלעכע שטעלן נישט צו רעכענין זיך מיט דעם עלטער פון די קינדער. כ'ראָט דעריבער די לערערשאַפט אין פאַל פון פעדאַגאָגישער שוועריקייט די שטעלן אויסצולאָזן. מעטאָדישע אָנווייזונגען ווערן גיגעבן צו דער לערערשאַפט אין אַ ספעציעלן צירקולאַר פון דער ב"י־צענטראַלע.

ח' אייר תרצ"ח.

יהודה לייב אָרלעאַן

א.

די פיר צייטן פונים יאָר.

א. דאָס יאָר, האָבן מיר שוין געלערנט, טיילט זיך אין צוועלף חֲלָקִים. יעדער טייל איז א חודש. יעדער חודש הייבט זיך אָן, ווען עס באַווייזט זיך אַ נייער אָנהייב פון דער לְבָנָה. דעריבער הייסט יעדער צוועלפטער יאָר־טייל: חודש — נײַ, דער ערשטער טאָג פונים חודש: ראש־חודש — דער אָנהייב פונים חודש.

ב. דאָס גאַנצע יאָר ווערט אויך געטיילט אין פיר טיילן. יעדער טייל האָט דריי חֳדָשִׁים. אַזאַ יאָר־טייל, וואָס האָט דריי חֳדָשִׁים, הייסט: תְּקוּפָה. אַ יאָר האָט דעריבער פיר תְּקוּפוֹת.

ג. די ערשטע תְּקוּפָה פון די חֳדָשִׁים תִּשְׁרֵי, חֶשְׁוָן און כִּסְלֵו ווערט גערופן תְּקוּפַת תִּשְׁרֵי און איז אין האַרבסט־צייט. די צווייטע תְּקוּפָה פון די חֳדָשִׁים טֵבֵת, שְׁבַט און אֲדָר ווערט גערופן תְּקוּפַת טֵבֵת און איז אין ווינטער־צייט. די דריטע תְּקוּפָה פון די חֳדָשִׁים נִיסָן,

אִיָיר און סִיוָן ווערט גירופן תְּקוּפַת נִיסָן און איז אין פרילינגס צייט. די פירטע תְּקוּפָה פון די חֲדָשִׁים תַּמוּז, אָב און אֱלוּל ווערט גירופן תְּקוּפַת תַּמוּז און איז אין זומער-צייט.

ב.

די בְּרָכָה איבער די ביימער.

א. באַכן קאַלטן ווינטער איז דער פרילינג זייער אָנגינעם. דאס וועטער איז וואַרימער, די לופט איז רייִנער, די פעלדער גרינען, די ביימער שמעקן און די מענטשן קוויקן זיך מיט דער שיינער וועלט. צומייסט זעט זיך אָן דער פרילינג אויף די ביימער. די לאַנגע צווייַגן וואָס זענען דעם גאַנצן ווינטער באַדעקט גיוועזן מיט שניי, הייבן אָן אַרויסצושטיפן גרינע קעפלעך און ווערן באַשיט מיט ווייסע בלעטלעך. פון זיי צעוואַקסן זיך שפּעטער בלעטער און פרוכטן. די גרינע קעפלעך און ווייסע בלעטלעך רופט מען: בליאונג.

ב. זעענדיק נאָכן לאַנגין ווינטער די בליענדיקע ביימער, ווי אַזוי זיי ברענגין אַרויס די גישמאַקע

פרוכטן, וואָס דער מענטש גיניסט, דאַרף מין דאַנקין דעריבער דעם אייבערשטן, וואָס ער האט זיי באַשאַפן, כּדי מהנה צו זיין די מענטשן. מ׳מאַכט דעריבער די בּרכה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	גילויבּט ביזטו גאט,
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם	אונדזער גאט, קיניג פון דער וועלט,
שֶׁלֹּא חִסַּר בְּעוֹלָמוֹ דָּבָר	וואָס האט אין זיין וועלט קיין זאַך נישט פאַרפעלט,
וּבָרָא בוֹ בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת	און האט אין איר באַשאַפן גוטע באַשעפענישן
וְאִילָנוֹת טוֹבִים	און גוטע ביימער,
לְהַנּוֹת בָּהֶם בְּנֵי אָדָם.	מהנה צו זיין מיט זיי מענטשן.

ג.

סְפִירַת הָעוֹמֶר.

א. ווי איר ווייסט, זענין אַמאָל די יידן גיווען אין מצרים מלוכה-קנעכט. דער דעמלסטיקער קיניג פרעה האט זיי פאַרמאַטערט מיט זיינע אויסטערלישע גזירות. זיי האבן גימוזט טון די שווערסטע אַרביט, ווי: קנעטן ליים, פרעסן ציגל און בויען פיראַמידן.

דערצו האבן זיי נישט געהאט צומאל די פּשוטע מנוחה, וואס יעדער מענטש האט על כּל פּנים ביינאכט. אָפּשטייענדיק דעם גאנצן טאָג אונטער דער גליענדיקער זון אין די ליים־גריבער, האבן זיי געמוטשט בלייבן נעכטיקן אויף דער פייכטער ערד. מ׳האט נישט געטאָרט אהיימגיין. דעם רשע איז אַ שאָד געווען דאָס ביסל צייט, וואס מ׳האט געדאַרפט אויף צו גיין היין און צוריק.

ב. מ׳האט זיי באַהאַנדלט פיל ערגער ווי קנעכט. דער אַכזריות׳דיקער קיניג האט באַשטימט פאַרטיק צו מאַכן אַזאַ צאָל ציגל, וואָס איז נישט געווען פאַר זייערע כּוחות. אויב ס׳האט אבער געפעלט עפּיס איבערן טאָג צו דער באַשטימטער צאָל, האבן דערפאַר די אויפזעער געשלאָגן די עלנטע יידן. מ׳האט זיי נישט געלאזט אָפּעטעמען. שטענדיק זענען זיי געווען פאַרפלאָגט און פאַרהאַריעוועט, מיד און אויסגעמאַטערט. זיי האבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו טון גוטס, צו דאַווענען, צו עסן צומאָל, ווי אַ מענטש. זיי האבן געלעבט כּמעט ווי די בהמות. פאַר גרויס צער האט זיי צוגעקלעמט

דאָס האַרץ, איז זײַ פאַרקירצט געוואָרן דער אָטעם און זײַ האָבן געשריגן צו גאָט.

ג. בְּשַׁעַת משֶׁה רַבֵּינוּ האָט זײַ אָנגעזאָגט די בְּשׂורה, אַז זײַ וועלן ווערן אויסגעלייזט, האָבן זײַ פון גרויס צַעַר און ווייטיק נישט געקאָנט הערן. דערציילנדיק זײַ אָבער ווײַטער, ווי ווײַט דער אייבערשטער וויל זײַ גרויס מאַכן, ווי ווײַט ער וויל זײַ אויסאיידלען, ווי ער וויל זײַ געבן די הייליקע תּורה, האָבן זײַ ערשט אָנגעהויבן צו שטראַלן פאַר פרייד. די שִׂמְחה פון דער אויסלייזונג איז בײַ זײַ פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער שִׂמְחה פון דער צוגעזאָגטער תּורה.

ד. ווי נאָר דער אייבערשטער האָט באַוויזן דאָס גרויסע נֵס, ווי נאָר די ייִדן זענען אינעם פופצנטן טאָג פונעם חודש נִיסן אַרויס פון מִצְרַיִם, ווערט זייער לעבשאַפט צום באַשעפער כְּסֵדֶר גרעסער. יעדע רֶגַע איז פאַר זײַ געווען צו פיל. ווי דערלעבט מען שוין דעם טאָג — האָבן אַלע געטראַכט — ווען מ׳וועט הערן גאָטס וואָרט. מיט דער גרעסטער אומגעדולדיקייט האָט מען אויסגעקוקט די מינוט, ווען דער אייבערשטער וועט געבן

זײַן תּורה. יעדער האט אָפּגיוואָרט, גיבענקט און אויס-
גיקוקט די גליקלעכע שעה.

ה. גאט האט זײ אבער גילאזט וואַרטן גאַנצע נײַן און
פערציק טעג, כּדי זײ זאלן ווערן רעכט פעאיק
אויפצונעמין די תּורה. ערשט אינים פיפציקסטן טאָג
האט דער אײבערשטער גילאזט הערן די ייִדן זײַן ווארט
פונים באַרג סיני אַראָפּ און זײ גיגעבן די אויסגיבענק-
טע מתּנה, די הײליקע תּורה.

ו. נאָכדעם האט דער אײבערשטער אונדז גיגעבן אויף
אַלע יאָרן די מצווה צו צײלן די צײַט פונים אַרויסגײן
פון מצרים ביזן מקבּל זײַן די תּורה. אַזוי ווי מיר מאַכן
יעדעס יאָר דעם טאָג, וואָס מ׳איז אַרויסגיגאַנגין פון
מצרים — דעם ערשטען טאָג פּסח — פאַר אַ יום-טוב,
אַזוי זאלן מיר יעדעס יאָר ווי דעמלט, אַ טאָג נאָך דער
אויסלײזונג, פונים צווײטן טאָג פּסח — דעם זעכצנטן
טאָג אינים חודש ניסן — אָנהײבן צו צײלן די טעג און
די וואכן, ביז צום יום-טוב שבועות, דעם טאָג, ווען
מ׳האט מקבּל גיווען די תּורה. דאָס זעניִן נײַן און פערציק
טעג, וואָס טײלן זיך אין זיבן וואכן. ווי דעמלט, בּשעת׳ן

אַרויסגיין פון מִצְרַיִם, זאָל מען יעדעס יאָר מיט דער
ציילונג אַרויסווייזן אונדזער בּענקשאַפט צו דער תּורה
און זיך מאַכן וואָס מער פּעאיקער זי אויפצונעמען
אויפסנייע רעכט מְקַיֵים צו זיין.

ז. בִּשְׁעַת דאָס בֵּית-הַמִקְדָשׁ איז געשטאַנען איז אויך
געווען אַ מִצְוָה איינעם זעכצנטן טאָג פונעם חוֹדֶשׁ
ניסן, דעם צווייטן טאָג פֶּסח, צו ברענגען אינעם בֵּית-
הַמִקְדָשׁ אַ קָרְבָּן פאַר גאָט אַ מעסטל גערשטן-מעל פון
די נייע גערשטן, וואָס זענען שוין דעמאָלט אין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל
פאַרטיק צום שניידן. ווי לאַנג מ'האָט נישט געהאַט
געבּרענגט דעם קָרְבָּן פונעם נייען גערשטן-מעל, האָט
מען פון דער נייער תְּבוּאָה נישט געטאָרט געניסן.

ח. די תְּבוּאָה איז דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטש.
ס'איז זיין וויכטיקסטע שפּייז. מ'האָט דעריבּער
געוויזן דערמיט, אַז אונדזער גאַנץ לעבן איז אַ מַתָּנָה
פון גאָט און ס'איז נאָר באַשטימט צו געווינען די נאָענט-
קייט צו אים. די נאָענטקייט צום אייבּערשטן געווינען
מיר, ווען מיר פירן זיך גאַנץ גענוי לויט זיין ווילן, וואָס

ער האט אונדז איבערגיגעבן אין זיין דהייליקער תּורה.

ט. דער דאזיקער קָרבּן הייסט: עומר — אַ מעסטל. די מִצְווה פון ציילן די ניין און פערציק טעג, וואָס מ־האט גיוואָרט אויף דער הייליקער תּורה, האט דער אייבערשטער פאַרבּונדן מיט דער מִצְווה פון ברענגין דעם קָרבּן עומר. ער האט אונדז באַפוילן צו ציילן יעדן טאָג און יעדע וואך, וויפל ס־איז שוין אַוועק פונים טאָג, וואָס מ־האט גיברענגט דעם עומר. דעריבּער רופט מין די מִצְווה: סְפִירַת הָעומר — די ציילונג פונים עומר.

י. היינט, בְּשַׁעַת דאָס בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ איז נישטאָ, ברענגט מין נישט דעם עומר. אבער דערוואַקסינע יידן ציילן יעדן טאָג, ווי נאר ס־ווערט נאַכט, דעם טאָג און די וואך, וואָס גייט אָפּ פון די ניין און פערציק טעג. פאַרן ציילן מאַכט מין אַ בְּרָכָה, דאַנקנדיק דעם באַשעפער פאַר דער הייליקער מִצְווה פון סְפִירַת הָעומר.

ד.

סְפִירָה־צַייט.

א. דער גרויסער תַּנא רַבּי עֲקיבא האט גיהאַט פיר און צוואנציק טויזנט תַּלְמִידים. זיי זענין אַלע גיוועֶן זייער גרויס אין יעֶדער זאַך. זיי זענין גיוועֶן שטאַרק אָפּגיהיטן אין מִצְוות און גילערנט פיל תּורה. נאר אַן־אייִנאונאייִנציקע זינד זענין זיי באַגאַנגין. זיי האבן נישט גינוג גישׂויגט אייִבער דעם צווייטנס כָּבוד. צוליב זייער גרויסקייט האט זיי גאט בּלויז פאַר דעֶם שטרעֶנג באַשטראָפט. זיי זענין כִּמְעט אַלע אויסגישטאַרבן אין איין יאָר, בְּשָׁעת דער סְפִירה־צַייט.

ב. דעריבער זענין פון דעמלסט אָן די סְפִירה־טעֶג, פון פֶּסח ביז שָׁבועות, פאַר אונדז טרויער־טעֶג. מ־מאַכט נישט בְּשָׁעת דער סְפִירה־צַייט קיין שִׂמְחות (חֲתוּנות וּכְדוֹמה). מ־שעֶרט אויך נישט אָפּ די האָר.

ג. מיט דעם טרויער איבער דעם אויסשטאַרבן פון רַבּי עֲקיבא׳ס תַּלְמִידים זעט מען, ווי גרויס עס איז די זינד פון גרינגשעצן אַחָבר אדער אַ צווייטן מענטש. מ־באַטראַכט דעריבער אין דער סְפִירה־צַייט די אייגינע

אויפפירונג קעגן אַנדערע און מ'בעסערט זי אויס. מ'זעט צו זיין בְּשָׁלוֹם מיט אַלעמין און מ'נעמט זיך פיר, צו האַלטן טייער דעם צווייטנס כָּבוֹד; מ'זאָל קיינמאָל, אויף אַ האָר אֲפִילוּ, יענימס כָּבוֹד חָלִילָה נישט מינערן.

ה.

בַּל תַּשְׁחִית.

א. יעֶדע זאַך, וואָס גיפינט זיך אויף דער וועלט, איז דעם איבערשטנס. עֶר האט אַלץ באַשאַפן און אַלץ גיהערֶ נאר אים אַליין. ער האט אבער דערלויבט דעם מענטש, מיט אַלים, וואָס עֶר דאַרף, זיך צו באַנוצן. ווייל דער מענטש איז דאָס וויכטיקסטע באַשעפעניש, האט אים דער איבערשטער איבערגיגעבן אַלץ, וואָס קאָן אים נאר ברענגין אַ נוצן. ס'גיהערֶ אים אבער נישט קיין שום זאַך אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל זי קאנין שעֶדיקן אָן נוצן. ס'הייסט דעמלט, אז מ'רויבט אַוועק די זאַך פונים איבערשטן, ווי אויך פון אַנדערע

מענטשן, וואָס וואָלטן דערפֿון גיקאָנט עפּיס האָבן. אויב נישט יעצט, איז אַן־אַנדערט מאָל. אויב נישט דער מענטש, איז אַ צווייטער, אַ דריטער. מ־טאָר דעריבער נישט אומברענגען קיין שום זאַך אָן נוצן פֿאַר עמיצן. דאָס האָט אונדז דער אייבערשטער נישט דערלויבט. דערצו האָט ער עס אונדז נישט גיגעבן.

ב. אויב מיר האָבן עפּיס אויסגיאַרבעט, גיקויפֿט, באַקומען פֿאַר אַ מתּנה, אָדער גיפֿונען ערגיץ, מעגן מיר עס פֿאַרווענדן נאָר צו אַ נוצלעכן צוועק. מ־טאָר אָבער נישט קיין שום זאַך קאַליע מאַכן אָן נוצן. דאָס פֿאַרבאָט אונדז די הייליקע תּורה מיט די ווערטער: לא תשחית — זאָלסט נישט פֿאַרדאַרבן!

ג. מ־טאָר דעריבער נישט אַוועקוואַרפֿן קיין עסנוואַרג, נישט אויסגיסן קיין גיטראַנק, נישט צוברעכן קיין כּלים, נישט צורייסן קיין מלבוש און נישט קאַליע מאַכן קיין שום זאַך אין דער וועלט. כאָטש מ־דאַרף עס נישט, טאָר מען דאָס נישט טון. ס־קאָן צונוץ קומען אַן־אַנדערט מאָל, אָדער אַ צווייטן מענטש. וואָרן וויפֿל אָרימע מענטשן זענען פֿאַראַן, וואָס האָבן נישט צו

עסן, נישט צו טרינקין און נישט עפּיס אָנצוטון!

ד. מ־טאָר אויך נישט בּרענגין דערצו, אַז די זאַך זאָל קאַליע ווערן. מ־טאָר, למשל, נישט אָפּבּײַסן קײַן זעמל, נישט אָנהײבּן קײַן פּרוכט, נישט פאַרזוכן קײַן עסן און איבּערלאָזן די רעשט. דערמיט בּרענגט מין דערצו, אַז דאָס איבּערגיבּליבּינע זאָל קאַליע ווערן, וואָרן אַנ־אַנדערער וועט דאך דאָס שוין נישט עסן.

ה. מ־דאַרף דעריבּער אויך נישט אין שטוב טראָגן אַ קליידל, וואָס מ־דאַרף עס צום שפּאַציר, אדער אין שול אַרײַן. מ־דאַרף דעריבּער אויך נישט אָנ־טון אינדערוואכנס שבּת־דיקע קליידער. אַזוי אַנאָך צורײַסט מין זײַ גישווינדער און מ־בּרענגט דערמיט אויס איבּריק געלד צו קויפן נײַע.

ו. מ־דאַרף אויך פּיל אַכטונג געבּן, נישט צו שמוצן און נישט צו שעדיקן קײַן קליידער, בּיכער, העפטן און אַלערלײַ שטוב־זאַכן, כּדי מ־זאָל נישט דאַרפן בּאַלד קויפן אַנדערע און אויסבּרענגין איבּריק געלט. מ־דאַרף דעריבּער יעדע זאַך זײער שטאַרק שוינין און אָפּהיטן.

ז. מ׳טאָר אויך נישט אָפּרײַסן קײַן צווײַגלעך, אדער בלעטלעך פון פרוכטן-ביימער. מ׳טאָר אויך נישט אָפּ-רײַסן קײַן אומצײַטיקע פרוכטן, ווײַל די צײַטיקע פרוכטן פאַרשאַפן מער הנאה און ברענגען מער נוצן פאַרן מענטש. מ׳טאָר אויך נישט אומזיסט אָנרײַבן קײַן שוועבעלעך, נישט אָנצינדן קײַן ליכט און נישט פאַר-ווענדן קײַן שום זאַך, ווען מ׳האט זי נישט נייטיק. בײַ דעם אַלים איז מען עובר אויפן איסור בל־תשחית.

ח. צומײַסט טרעפט, אַז מ׳צעברעכט אדער מ׳צערײַסט עפּיס, בשעת מ׳ווערט אויפגירעגט. דאָס ווײַזט, ווי גרויס עס איז דער כעס, ווי ווײַט מ׳גיט זיך נאָך, אַז מ׳ברענגט אַזש אום נוצלעכע זאַכן. כעס׳ן זיך אַליין איז שוין אַ זייער גרויסע עבירה. אויב מ׳גיט זיך נאָך דעם כעס מיטן צעברעכן אדער שעדיקן עפּיס, איז די עבירה פיל הארבער, אויסער וואָס מ׳איז עובר אויפן איסור בל־תשחית.

ט. מ׳דאַרף זיך דעריבער זייער היטן פאַרן אַרײַנלאזן זיך אין כעס, פאַרן שטילן זיך מיט נישט פּאַסיקע רייד אדער גאָר מיטן אומברענגען נוצלעכע זאַכן.

מ־דאַרף שטענדיק גידענקין, צו מייסט בשעת ס־קומט צו אַן־אויפרעגונג, וואָסער גרויסע עבירה ס־איז דער כעס, וואָסער הארבע זינד ס־איז דערביי דער איסור בל־תשחית.

ו.

ל"ג־בעומר.

א. אינים דריי און דרייסיקסטן טאָג פון ספירה־צייט האבן די תלמידים פון רבי עקיבא; אויפגיהערט צו שטאַרבן. דער דאזיקער טאָג איז דעריבער אַ שטיקל פרייליכער אָנדענק־טאָג. די אַלע זאַכן, וואָס מ־טאָר נישט טון אין די ספירה־טעג, מעג מין אין דעם טאָג יא. פאַר יידישע קינדער האט מין איינגיפירט אין פיל ערטער מיט זיי צו גיין אין פעלד אַריין און דארטן צו פאַרברענגין מיט זייערע לערער און דערציער ביי דער באַטור־שיינקייט און ביי באַלערנדיקע שמועסן. פיל זינגין אויך אין פעלד שירים פון אונדזערע גרויסע יידן און די לערער דערציילן זיי מעשיות פון הייליקע צדיקים און תורה־חכמים. דער דאזיקער אָנדענק־טאָג

הייסט: ל"ג-בעומר, ווייל ס'קומט אויס אינים דריי און דרייסיקסטן טאָג פון דער עומר-ציילונג. ל"ג איז דריי און דרייסיק.

ב. ל"ג-בעומר איז אויך דער לויב-טאָג (יומא דהילולא) פאַר דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי. דער גרויסער תנא רבי שמעון בן יוחאי, וואָס האט צונויפגישטעלט דאָס הייליקע ספר „זהר", איז אין ל"ג-בעומר נפטר גיווארן. זיין קבר גיפינט זיך אינים קליינים שטעטל מירון — אין ארץ-ישראל, נעבן דער הייליקער שטאָט צפת. פון אַלע שטעט אין ארץ-ישראל קומט מין ל"ג-בעומר קיין מירון. מ'שטעלט אויפן קבר פיל ליכט און מ'צינדט אָן גרויסע פייער-פלאַקערס, וואָס באַלייכטן פיל מיילן פונדערווייטנס. מ'דערמאַנט די גרויסקייט פון דעם הייליקן צדיק. מ'לערנט דארט און מ'דאַוונט דארט. מ'בעט דארט ביים אייבערשטן אַ הילף פאַר אַלע יידן. מ'זינגט שירים איבער דער גרויסקייט פונים צדיק און מ'פרייט זיך זייער מיט טענץ צוליב די גרויסע און הויכע מדרגות וואָס ער האט זוכה גיווען, און וואָס זיין זכות שטייט אונדז ביי אין אַלע צייטן.

ז.

כָּבוֹד פאַר עלטערן.

א. זייער גרויס איז די מִצְוָה מְכַבֵּד צו זיין עלטערן.
זייער פיל מאָל האט אַ קינד די מעגלעכקייט בְּמֶשֶׁך דעם טאָג, מְקַיֵּם צו זיין די מִצְוָוה פון כִּבּוּד אָב וָאֵם. מיט יעדער זאַך, וואָס מ־טוט פאַר זיי; מיט יעדן וואָרט, וואָס מ־רעדט פאַר זיי — קאָן מען זיי פאַרשאַפן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. מיט דעם אַליין האט מען שוין מְקַיֵּם געוועזן די גרויסע מִצְוָוה.

ב. מ־דאַרף דעריבער נישט וואַרטן מיטן טון עפּיס גוטס פאַר עלטערן, ביז זיי וועלן הייסן. אויב מ־ווייסט נאָר, אַז די עלטערן וועלן פון דעם, אָדער פון עפּיס אַנדערש, האָבן פרייד, דאַרף מען זיך אַיילן דאָס צו טון, איידער זיי פאַרלאַנגען.

ג. דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם, וואָס קאָן זיי פאַרשאַפן עַגְמַת נֶפֶשׁ. איידער מ־גייט עפּיס טון, דאַרף מען פריער גוט באַטראַכטן, צי די עלטערן וועלן דערפון נישט האָבן קיין צַעַר.

ד. אויב, לְמָשָׁל, מ־וויל ערגיץ־וואו גיין, דאַרף מען פריער

זאָגן די עלטערן, ווען מ'ווועט צוריקקומען. מ'דאַרף זיך באַמיִען נישט צו זוימען זיך לענגער, כּדי די עלטערן זאלן נישט איבערקלערן.

ה. בּשעת מענטשן זיצן בּיים טיש, טאָר מען זיך פריִער פאַר די עלטערן נישט אָנרופן. אויב מ'וויל עפּיס זאָגן, מוז מען פריִער בּעטן רשות בּיי די עלטערן.

ו. אויב די עלטערן שטראָפן, אדער בּייזערן זיך, טאָר מען נישט אָפּענטפערן. מ'דאַרף רואיִק אויסהערן זייערע שטראָף-רייד און נעמען אויף זיך, מער אַזוי נישט צו טון.

ז. אויב מ'האט אַפילו נישט קיין שום שלעכטס גיטון, און די עלטערן האבן זיך אומזיסט גיבּייזערט, טאָר מען זיי נישט אָפּענטפערן. מסתמא האבן זיי גיהאַט אַ טעות. ווי נאר זיי בּאַרואיקן זיך, דאַרף מען זיי מיט גרויס דרך-ארץ דערציילן דעם אמת, כּדי די עלטערן זאלן מוחל זיין און מער קיין פאַראיבּל נישט האָבן.

ח. מ'דאַרף זיך גיוויינען צו רעדן מיט די עלטערן גילאַסן, שטיל און מיט פול דרך-ארץ. אויב מ'דאַרף עפּיס פון זיי צו נעמען, זאל מען עס בּעטן, אויב

מ־באַקומט עפּיס פון זיי, דאַרף מען זיי דערפאַר דאַנקען.

ט. מ־טאָר נישט רופן עלטערן ביים נאָמען, אויב עמיצער פרעגט, בשעת די עלטערן זענען נישט דערביי, ווי זיי הייסן, מעג מען זאָגן.

י. וואויל איז דעם קינד, וואָס פאַרשאַפט די עלטערן, מיט זיין אויפפירונג, בלויז כבוד און פרייד. גליקלעך איז דאָס קינד און גליקלעך זענען די עלטערן, ווי דער איבערשטער האט אונדז צוגיזאָגט:

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ	זיי מְכַבֵּד דיין פאָטער
וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן	און דיין מוטער, כְּדֵי דו
יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ עַל	זאלסט לאַנג לעבן אויף
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר יְיָ	דעם לאַנד, וואָס גאט,
אֱלֹהֶיךָ נוֹתֵן לָךְ.	דיין גאט, גיט דיר.

דער פאַרשעמטער זון.

אמאָל איז גיוועזן איינער מיטן נאָמען דָמָא. דער דאזיקער דָמָא פלעגט זיינע עלטערן זייער שטאַרק מְכַבֵּד צו זיין. איינמאָל איז

ער גיוואָרן פאַרבעטן צו אַ באַראַטונג מיט די אָנגיזעענסטע לייט אין שטאָט. דאָמאַ איז גיווען זייער רייך. האָט ער אָנגיטאָן דאָס שענסטע מלבוש זיינס, וואָס איז גיווען גישטיקט פון זיידנס מיט גאָלד, און אַוועק צו דער באַראַטונג. מ'האָט אים דאָרט גיזעצט אויבן־אָן און אָנגיטאָן פיל כבוד.

דאָמאַ'ס מוטער איז דעמאָלט קראַנק גיווען אויף משוגעת. בשעת איר אויפרעגונג פלעגט זי נישט שוינען קיין שום מענטש. זי פלעגט שלאָגן און ברעכן אַלץ, וואָס איז איר נאָר גיקומען אונטער די הענט.

ווי נאָר זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איר זון גיפינט זיך אויף דער באַראַטונג, איז זי גלייך אַוועק אַהין. אַריינקומינדיק, איז זי צו צום חשוב'ן דאָמאַ און אָנגיהויבן אים צו זידלען און צו שעלטן. דערמיט האָט זי זיך אָבער נישט באַגנוגנט. אין אַלעמינס אויגן האָט זי אָנגיהויבן דעם זון צו פאַטשן, גישפיגן אים אין פנים אַריין, צעריסן אויף אים דעם זייער טייערן מלבוש און מיט איר שוך גישלאָגן אים אין קאָפּ אַריין.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען גיבליבן שטיין פאַרבלעפט. זיי האָבן נישט גיוואוסט, וואָס צו טון. דאָמאַ אַליין האָט אָבער נישט גיפּרואווט אַפילו צו מאַכן איר די מינדסטע שטערונג. ער האָט רואיק גיקוקט אויף זיין קראַנקער מוטער און מיט אַ בעטנדיק קול זיך צו איר גיווענדעט:

— גינוג, מאַמע!

דערביי איז איר פון דער האַנט אַרויסגיפאַלן דער שוך. דאָמאַ האָט זיך איינגיבויגן, דעם שוך אויפגיהויבן און דערלאַנגט איר אין דער האַנט אַריין, זי זאָל דערפון קיין צער נישט האָבן.

די רואיקע און ווייכע רייד פונים פארשעמטן זון, ווי אויך זיין רואיק באנעמין זיך און שטארקע שוינונג פון איר כבוד, האבן באלד בארואיקט די קראנקע פרוי. זי איז פון אים אפגישטאנין און גלייך אוועק פון דער פארזאמלונג. אלע דערביייאיקע מענטשן האבן זיך נישט גיקאנט אפלויבן פון דמא׳ס דרך־ארץ פאר זיינע עלטערן.

ח.

כבוד פאר ברידער און שוועסטער.

א. אן־עלטערן ברודער דארף מין אויך שעצן, פאלגן און אפגעבן כבוד. אזוי הייסט אונדז די תורה. אויך דארף מין שעצן און פאלגן עלטערע שוועסטער. ווייל דאס איז דער רצון פון די עלטערן און אזויאנאך וועט זיין אין שטוב שלום, וואס דאס איז פון די גרעסטע מצוות.

ב. מ׳דארף דעריבער טון, וואס זיי פארלאנגין; אפ־טרעטן זיי דאס ארט, נישט רעדן זיי אנטקייגן וכדומה.

ג. אויב זיי פארלאנגין או טון עפיס, וואס דער

אייבערשטער האט פארבאטן, אדער וואס איז א שטע-
רונג אויסצופירן זיינע מצוות, טאר מין נישט פאלגן.
אויב זיי פארלאנגען צו טון עפיס, וואס דער פאטער
אדער די מוטער האט פארבאטן, אדער וואס איז
א שטערונג אויסצופירן זייער וואונטש, טאר מין אויך
נישט פאלגן.

ה. מ׳דארף זיך אבער דערביי נישט קריגן. מ׳דארף
זיי נאר זאגן: איך קאן דאס נישט טון, ווייל ס׳איז
אן־עבירה, אדער: ווייל די עלטערן האבן עס פארבאטן,
ווייל ס׳איז דעם טאטן אדער דער מאמין נישט ניחא;
ווייל כ׳מוז טון דעם אייבערשטנס א מצווה, אדער:
ווייל כ׳מוז טון דעם וואונטש פון די עלטערן.

ה. אין די אנדערע זאכן, וואס זענען נישט קייגן רצון
פונים אייבערשטן אדער פון די עלטערן, דארף מין
זיי פאלגן מיט דער גרעסטער פלייסיקייט. אדרבה,
דערמיט ווייזט מין זיי, אז מין פאלגט זיי נישט נאר
דעמלט, ווען ס׳איז אן־עבירה. אזויאנאך וועט זיין שלום
און ליבשאפט אין שטוב, און זיי וועלן זען, ווי מיר
לערנען פון תורה בלויז איידלקייט און גוטסקייט.

ט.

וואָס טאָר מין נישט טון אין שבת?

א. ווען מיר האבן גילערנט וועגן דער הייליקייט פונים שבת, האבן מיר אויסגירעכנט עטלעכע אַרביטן, וואָס מ־טאָר שבת נישט טון. מיר ווילן יעצט דאָ צורעכענין נאך עטלעכע.

ב. מ־טאָר נישט שבת פאַרפלעכטן אדער אויספלעכטן די האָר. אָפגיהיטענע יידישע קינדער קעמין זיך צו און פאַרפלעכטן זיך די האָר פרייטיק פאַרנאַכט לכבוד שבת. פרייטיק צו נאַכטס, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, פאַרבינדן זיי דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, כדי נישט צו דאַרפן זיך שבת אינדערפרי צו קעמין אדער פלעכטן די האָר. אַזויאַנאָך גייען זיי אַ גאַנצן שבת צוגיקעמט און האבן נישט דערפון שבת קיין צער.

ג. מ־טאָר נישט אין שבת שרייבן אדער מאַכן צייכנס אויף זאַמד. קינדער, וואָס שרייבן אדער מאַכן צייכנס אויף זאַמד אינדערוואכנס, כדי צו שפּילן אין קלאַסן, דאַרפן גידענקין, אַז שבת טאָר מין דאָס נישט טון.

ד. מ־טאָר נישט שבת אַרויסנעמין קערנער פון זאַנגין,

בּאבּעס פון שויטן און אויך אַרבּיס פון טרוקן-גיוואַרענע שויטן. וואָס די שויטן טויגן שוין נישט צום עסן.

ה. מ־טאָר נישט אויסקוועטשן קיין פֵּירוֹת, כְּדֵי צו האָבּן באַזונדער דעם זאַפט. אויב מ־פאַרגיסט אַ טישטוך, אַ האַנטוך, אדער אַ קליידל, טאָר מין נישט אין שַׁבּת אויסדרעגגין.

ו. מ־טאָר נישט אין שבּת קריכן אויף קיין בּוים. מ־טאָר אויך נישט אָנלענין זיך שַׁבּת אין אַ בּוים.

י.

תּוֹרה פאַר אַבְרָהָם־ס קינדער.

א. ווי נאר אונדזער שטאָם־פאָטער אַבְרָהָם האט פאַר־שטאַנין און דערקענט דעם אֶמֶת פונים אייניציקן באַשעפער, וואָס האט אַלץ באַשאַפן, האט ער אים באַקאַנט גימאַכט איבער דער גאַנצער וועלט. אַבְרָהָם האט אַלעמין גילערנט, אַז גאָט, דער אייניציקער באַ־שעפער פון אַלים, מיינט פאַרן מענטש דאָס גרעסטע

גוטס. ער וויל, אַז דער מענטש זאָל זיך פאַרדינען אויף דעם געטלעכן גוטס, דורך זיין גוטער אויפפירונג אויף דער וועלט.

ב. אַבְרָהָם גייט אין די גוטע וועגן, וואָס דער באַשעפער פאַרלאַנגט. ער טוט בלויז גוטס. ער שפּייזט הונגעריקע, באַקליידט אָרימע און העלפט שוואַכע. ער זוכט תָּמִיד צו פאַרשאַפן אַלעמען וואָס מער פרייד און גליק. ער לערנט מיט גרויס חָכְמָה די אומוויסנדיקע, טרעט נישט אויף אַ האָר אָפּ פונים אֶמֶת און גירעכטיקייט און פירט תָּמִיד אַ שטאַרק הייליק לעבן.

ג. אַבְרָהָם איז גיווען דער גרעסטער חָכָם, דער גרויסער גִבּוֹר, דער זייער רייכער און אָנגיזעענסטער מענטש אין דער וועלט. אַלע האָבן אים גירופן: דער געטלעכער פירשט. מ׳האָט אים אָפּגיגעבן פירשטלעכן כָּבוֹד. פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערמיט גאָר נישט גרויס גיהאַלטן, נאָר ער איז ביי זיך תָּמִיד גיווען זייער שָפל׳דיק.

ד. אַבְרָהָם לערנט אויך זיינע קינדער אַזוי צו לעבן און צו האַלטן זיך תָּמִיד ביים אֶמֶת און ביי גוטס.

ער מאַכט פאַר זיי קלאָר גאטס רצון און לערנט זיי פעסט צו האַלטן זיך אין גאטס גיוואונטשענע וועגן. אויך באַפעלט ער זיי צו לערנען אַזוי ווייטער זייערע קינדער, גיפעלן צו ווערן גאט.

ה. פאַר די גרויסע זכותים, וואָס אַבְרָהָם האט, מאַכט דער אייבערשטער פון זיינע גיציילטע קינדער — ווי ער האט אים צוגיזאָגט — אַ גאַנץ פאלק. די קינדער פון דעם פאלק האט דער אייבערשטער צוגיטיילט פיל העכערע נְשָׁמות. אויך האבן זיי אַלע אַ באַזונדער פעאי־קייט צו דערגיין צו די גרעסטע מַעֲלות, צו פירן אַ העכער לעבן לויטן מוסטער פון זייער פאָטער אַבְרָהָם, און דער־מיט צוצוקומין צו דער נאָנטקייט פון גאט. אַלע יידן זענען די קינדער פון דעם פאלק. דעריבער הייסט עס: יידיש פאלק.

ו. דעריבער האט אויך גאט אויסדערוויילט דאָס יידי־שע פאָלק פון אַלע פעלקער, אים צו געבן זיין תּוֹרָה און זיינע מִצְוֹות, וואָס לערנען דעם ריכטיקסטן און ליכטיקסטן אֶמֶת, די איידלסטע און קלוגסטע פירונג אינים לעבן, דעם וועג צום אייביקן גליק און העכסטן

גוטס, די שטאַרקסטע ליבשאַפט צום מענטש און די
ערלעכסטע גיטריישאַפט צום הייליקן רצון פונים
באַשעפער.

ז. דערמיט, וואָס מ'היט די תורה, גייט מען אינים וועג,
וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַרן מענטש. מ'טוט
דערמיט בלויז גוטס. מ'מאַכט דערמיט באַליבט דעם
אייביקן אמת און דאָס רעכטע גוטס ביי אַלע מענטשן.
די ליבסטע מתנה, וואָס גאָט האָט אונדז, קינדער פון
אַברהם, גישענקט, איז דעריבער די הייליקע תורה.

ח. די תורה באַגליקט דעם מענטש, וואָס היט זי, אויף
אייביק. די תורה מאַכט דעם מענטש, וואָס אַמאָל
מער, קלוגער, בעסער, איידעלער — ביז צו דער
העכסטער מדרגה. די תורה דערנענטערט דעם מענטש
צו גאָט און מאַכט אים ביי אים באַליבט. ער פאַרדינט
זיך דורך איר צו דער גרעסטער גליקלעכקייט, וואָס
דער באַשעפער האָט צוגיגרייט פאַר די צדיקים.

ט. וואויל איז אונדז, וואָס גאָט האָט אונדז גישענקט די
תורה. ליב איז אונדז די טייערע מתנה. זיס איז אונדז
דעם אייבערשטנס ליבשאַפט.

יא.

שָׁבוּעוֹת.

א. אינים זעקסטן טאָג פונים חוֹדֶשׁ סִיוָן, וואָס פאַלט אויס אינים פיפציקסטן טאָג נאָך דער באַפרייַאונג פון מִצְרַיִם, האט גאט די יידן גיגעבן די הייליקע תּוֹרָה. בְּשַׁעַת אַלע יידן זענין גיווען צוזאַמין, האט גאט גיזאָגט די עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת — צען גיבאט. די איבריקע תורה האט משֶׁה רַבֵּנוּ איבערגינומין און דערנאָך זי איבער־גיגעבן אַלע יידן.

ב. פאַר די יידן, וואָס זענין דעמלט אַרויס פון מִצְרַיִם, איז די שִׂמְחָה מיט דער גישענקטער תורה גיוועזן זייער גרויס. וואָרן וואָסער ווערט וואלט גיהאַט די באַפרייַאונג, אויב מ׳וואלט נישט באַקומין די געטלעכע תורה? וואָסער חֲשִׁיבוּת וואלט גיהאַט אונדזער פאלק, אויב ס׳וואלט נישט גיקאָנט גאטס וועג? וואָסער טַעַם וואלט גיהאַט אונדזער לעבן, אויב מ׳וואלט נישט גיהאַט די הייליקע מִצְוֹת?

ג. גאט האט דעריבער גיהייסן מאַכן די צייַט, ווען מ׳האָט באַקומין די תורה, פאַר אַ יום טוב. מ׳האַלט

דעם יום טוב פון קַבָּלַת הַתּוֹרָה (די איבערנעמונג פון דער תּוֹרה) צוויי טעג, דעם זעקסטן און דעם זיבעטן טאָג פונים חוֹדֶשׁ סִיון. דער יום טוב הייסט שָׁבוּעוֹת, ווייל מ־פייערט אים נאָך דער ציילונג פון די זיבן וואכן, וואָס זענען פונים צווייטען טאָג פֶּסח ביזן עֶרשטן טאָג שָׁבוּעוֹת. דער טייטש פונים ווארט שָׁבוּעוֹת איז: וואכן.

ד. אין דער תְּפִלָּה, וואָס מ־דאַוונט שָׁבוּעוֹת, זאָגט מען: זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ — די צייט, וואָס מ־האט אונדז גיגעבן די תּוֹרה.

מַתַּן תּוֹרה.

ס׳זענען קוים פארביי פיפציק טעג, ווי די יידן זענען ארויס פון מִצְרַיִם. עֶרשט נישט לאַנג האבן זיי מיט גיבויגינע אַקסלין גישלעפט די שווערע ציגל. עֶרשט נישט לאַנג האבן זיי גיפּילט אויף זייערע לייבער די אייזערנע רוט פון די מִצְרִיִּים. עֶרשט נישט לאַנג זענען זיי גיוועֶן אומגליקלעכע קנעכט ביים רָשָׁע פַּרְעֹה.

ווי מיט אָדלער־פליגל, האט זיי גאָט אַריבערגיפירט דעם יַם, ארויסגיבראַכט אין דער מִדְבָּר, דערנעֶנטערט צום באַרג סִינַי. ווי פארבענקטע קינדער, האט ער זיי מיט זיסע רייד גיגלעט.

ווי גיטרייע פריינט, האט ער זיי מיט ליבשאפט גיצערטלט. ווי די איידלסטע מענער, האט ער זיי פאר זיינע נאנטסטע אויס־
דערוויילט, פאר די אויספירער פונים רצון זיינים באשטימט.
יעצט זענין זיי פרייע מענטשן, קעניגלעכע קינדער, לויטערע הערצער. יעצט שטייען זיי אלע ארום דעם בארג. יעצט זענין זיי אלע גירייניקט און גיגרייט איבערצונעמין די גליקלעכע מתנה, וואס דער ליבער פאטער אינים הימל האט זיי צוגי־
זאגט.
ס'איז דער זעקסטער טאג אינים חודש. דער הימל איז לויטער. די זון האט צעשטראלט איר בלענדנדיקע ליכטיקייט. א גידיכטער נעפל מאכט פול די מדבר. א טונקעלער וואלקן נעמט ארום דעם בארג. ס'בליצט מיט שטיקער פייער. ס'דונערט. ס'שטורימט. דער שופר בלאזט. דער בארג סיני פלאקערט. ס'פלאטערט יעדעס
באשעפעניש. ס'ציטערט די גאנצע וועלט.
ס'ווערט מיטאמאל שטיל. די יידישע מחנה שווייגט. דאס פייגעלע טשוויטשערט נישט. דער אדלער פליט נישט. די חיה ברומט נישט. דער ים רירט נישט. די גאנצע וועלט שווייגט. יעדער ווערט אנ'אויער פאר גאטס ווארט. אלעמענס הערצער ווערן פול מיט הייליקער שמחה. יעדע יידישע נשמה שוועבט צום הימל, צאפלט פאר גליקלעכקייט. גאטס ווארט הילכט אפ. ס'פארשמעקט די לופט. מ'גייט שיעור נישט אויס פאר פרייד. אלע יידן באגרייפן מיט אמאל די העכסטע, אמת'דיקע ידיעות
מיט דער גרעסטער קלארקייט.
ווי זיס זענין גאטס רייד! ווי ליכטיק איז דער קלארגיווארענער אמת, וואס נעמט ארום אלץ! ווי אנגינעם איז יעצט דעם באשעפערס פאלק! ווי וואויל איז יעצט דעם ייד! ווי ליב איז

צו זיין דעם אייבערשטנס פאלגער! ווי גליקלעך איז צו זיין דער אויספירער פונים אייבערשטנס רצון!

מ־האט יעצט שוין די הימלישע תורה. מ־איז באגליקט מיט גאטס מצוות. מ־פולט אויס דעם טאג מיט גוטע מעשים. מ־דערקוויקט די דורשטיקע נשמות. מ־דערנענטערט די הערצער צו גאט. מ־ווערט דורכגינומען פון די איידעלסטע גיפילן און מ־דערשפירט געטלעך גליק.

יב.

כבוד פאר תורה־לערער.

א. אויב עלטערן געבן זייער קינד ברויט, מילך, פלייש און זיסיקייטן, קאן עס דען שוין זיין צופרידן? אויב עלטערן פארזארגן זייער קינד מיט הלבשה, דירה, באלייכטונג און שרייב־גיצייג, פעלט אים שוין מער גארנישט? ניין! דאס אלץ גיניגט נישט. ווארן צו וואס טויג דאס אלץ, אויב מ־קאן דערמיט יעדע רגע טון קייגן דעם אייבערשטנס ווילן? וואסער צופרידנקייט קאן מען שוין פון דעם אלים האבן, אויב מ־קאן צוליב אומוויסן, טון דערביי צענדליקער עבירות, ווי למשל:

טרינקען באלד נאך פליישׁ מילך, אנצינדען א לאמפּ אין שַׁבּת, האַלטען מוקצה-זאַכען וכדומה?

ב. האָבענדיק דאָס אַלץ, פעלט אונדז נאך דער עיקר, דאָס טייערסטע אין דער וועלט. אונדז פעלט די לערע, די לערע פון דער הייליקער תּורה, וואו ס'שטייט אַלץ, וואָס מ'דאַרף טון און וואָס מ'טאָר נישט טון, לויטען אייבערשטנס ווילען, ווי אַזוי קאָנען מיר אבער באַקומען די דאזיקע לערע? ווי אַזוי קאָנען מיר גינוי וויסען, וואָס דארט שטייט, אויב מיר קאָנען אַליין נישט לערנען? דערצו דאַרף מען דאך האָבען אַ לערער, אַ רבּי'ן, וואָס זאָל אונדז איבערגעבען, ווי אַזוי אָפּצוהיטען אַלע מצוות און דינים, כּדי צו זיין באַליבּט ביים אייבערשטען און ביי מענטשען.

ג. ווייל דער רבּי, דער לערער, גיט אונדז דאָס, וואָס איז טייערער פון ברויט, פון פליישׁ און פון דער בעסטער זאך אין דער וועלט, דאַרף מען אים אָפּגעבען מער כּבוד, ווי אַלע אַנדערע מענטשען. וואָרען וואָס וואלטען מיר גיהאַט אָן דער לערע פון דער תּורה? ווען מיר קאָנען אָפּהיטען אַלע מצוות גינוי, ווי דער איי-

בערשטער האט גיהייסן, קאנין מיר דאך גליקלעך זיין אויף דער און יענער וועלט. אזא גרויס גליק, אזא אייביק גוטס, קאן דאך אונדז געבן נאר דער רבי פון דער הייליקער תורה.

ד. אויב מ־זעט א רבי־ן, דארף מין זיך דעריבער פאר אים אויפשטעלן. ווי לאנג מ־זעט זיין שטייענדיק אדער גייענדיק גישטאלט, טאר מין זיך נישט אנידער־זעצן. אויב מ־גייט צוזאמין מיטן רבי־ן, דארף מין אים לאזן פריער ארויס און אריינגיין.

ה. מ־דארף אויך נישט לאזן אים טון קיין אומפאסיקע ארביט. אויב ער טראגט א פעקל, דארף מין עס פון אים צונעמין און אליין טראגן. פארן רבי־ן דארף מין שטיין מיט גרויס דרך־ארץ און שנעל אויספירן זיין פארלאנג. מ־טאר אים נישט רופן ביים נאמין, נאר רבי.

ו. אלץ, וואס מ־האט גילערנט וועגן כבוד ביי עלטערן, דארף מין אויך אפהיטן ביי א רבי־ן.

ז. אונדזערע הייליקע חכמים האבן גיזאגט: מורא רבך, כמורא שמים — די מורא פארן רבי־ן, זאל זיין אזוי, ווי די מורא פארן אייבערשטן. זיי האבן אויך גיזאגט:

ווער ס׳שטעלט זיך נישט אויף פאַר זיין רבי׳ן, וואָס האָט אים גילערנט תורה, הייסט: אַרְשָׁע. ער שטאַרבט פאַר דער צייט און פאַרגעסט דאָס לערנין.

יג.

כָּבוֹד פאַר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

א. יעדער ייד, וואָס ווייסט פיל תורה, וואָס לערנט ווען ער קאָן נאר, וואָס באַמיט זיך שטאַרק אָפּצוהיטן וואָס די תורה פאַדערט, הייסט: תַּלְמִיד חָכָם. צו אַזאַ ייד דאַרף מין האָבן אַ גיפיל און אַ באַציאונג, ווי צו דער תורה אַליין.

ב. אויב מ׳זעט אים פאַרבייגיין, אדער אָנקומין פונדער־ווייטנס פיר איילן, מוז מין זיך אויפשטעלן. ווי נאר ער האט זיך אַנידערגיזעצט, אדער אַריבערגיגאַנגין, קאָן מין זיך שוין אַנידערזעצן. אַזוי דאַרף מין ביי יעדער גילעגנהייט אים אַרויסווייזן כָּבוֹד מיט וואָס מ׳קאָן נאר.

ג. תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ברענגען אָן אַ שִׁיעור גוטס פאַר יידן.

וואָס מער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ס־זענען דאָ צווישן אונדז, אַלץ מער האבן יידישע קינדער און דערוואַקסענע יידן די מעגלעכקייט צו לערנען די הייליקע תּורה, צו פאַרקוקן זיך אויף זייערע גוטע מַעֲשִׂים און שיינע מַעֲלוֹת, זייער חָכְמָה, איידלקייט און העכערקייט ווירקט אויף אַלעמען.

ד. וואָס מער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ס־זענען דאָ צווישן אונדז, אַלץ מער גוטס שענקט דער אייבערשטער דער וועלט.

ווייל גרויס איז דער זְכוּת פון תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און זייער תּורה־לערנען. נאר אין זייער זְכוּת ווערן מיר געשיצט פון אַלים בייזן. נאר אין זייער זְכוּת ווערן מיר געבענטשט מיט כָּל טוּב.

ה. צו זיין אַ ריכטיקער ייד, נאָכצוקומען גאַנץ גענוי וואָס דער אייבערשטער פאַרלאַנגט, צו פירן אַ לעבן מיט עכטער חָכְמָה, איז גאָרנישט מעגלעך, אויב מ־איז נישט קיין תַּלְמִיד חָכָם. פרוּיען, וואָס דאַרפן נישט לערנען אַזוי פיל תּורה, קאנען אויך נישט לעבן עכט יידיש, אויב אין זייער היים איז דער פאָטער, ברודער

אדער מאַן נישט קיין תַּלְמִיד חָכָם.

ו. די מענער, וואָס קאָנען ליידער נישט זיין קיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, מוזן זיך שטאַרק צו בינדן צו אַן־אֶמֶת'ן תַּלְמִיד חָכָם. זיי מוזן זארגן אפט צו זיין אין זיין גיזעל־שאַפט, אים אַלץ פרעגן און טון גיבוי לויט זיין אָנווייזונג.

יד.

כָּבוֹד פאַר אַלטע לייט.

א. מ׳דאַרף אויך מְכַבֵּד זיין אַן־אַלטן מאַן, אדער אַן־אַלטע פרוי. אַזוי הייסט אונדז די תּוֹרָה. אויך אונדזער שֵׂכֶל זאָגט אונדז אַזוי. אַלטע לייט האבן פיל גיליטן און פיל גיזעען אין זייער לעבן. מיר קאָנען פון זיי אַסך לערנען. זיי האבן שוין אויך פיל גוטס גיטון, פיל מִצְוֹת מְקַיֵּם גיוועזן און פיל זְכוּתִים זיך דערווארבן.

ב. אויב מ׳זעט אַלטע לייט, וואָס קענען אֲפִילוּ נישט קיין תּוֹרָה, דאַרף מען זיך פאַר זיי אויפשטעלן, ווי פאַר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. מ׳דאַרף זיי אָפּגעבן אַן־ארט צו זיצן און זיי העלפן מיט וואָס מ׳קאָן נאָר.

ג. אויך אַן־אַלטן גוי דאַרף מען אַרויסווייזן כָּבוֹד. מ׳דאַרף זיך פאַר אים אַ ביסל אונטערהייבן, העלפן אים, לְמָשָׁל, אַריבערגיין די גאַס.

ד. מְכַבֵּד זיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און אַלטע לייט הייסט אונדז די תּוֹרה אין די ווערטער:

מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן...

פאַר אַ גראָען זאלסטו זיך אויפשטעלן, און דו זאלסט באַשיינען דאָס פָּנִים פון אַן־אַלטן (אַ תַּלְמִיד חָכָם).

מיט דעם ווארט אַן־אַלטן, וואָס די תּוֹרה זאָגט דאָ, מיינט מען: אַזאַ איינעם, וואָס איז אַלט אין תּוֹרה־וויסן; וואָס ווייסט אַזוי פיל תּוֹרה, ווי אַ דורכשניטלעכער מענטש צו די עלטערע יאָרן, וואָס האט אינים גאַנצן לעבן גילערנט, זייענדיק אויך באַשעפטיקט ביי עפּיס אַנדערש.

ה. דערזעענדיק עלטערן, אַרֶבּי־ן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און אַלטע לייט, טאָר מען נישט אַראָפּלאָזן די אויגן און זיך מאַכן, ווי מ׳־וואלט זיי נישט גיזעען. זייטיקע מענטשן קאָנען אֶפשר מיינען, אַז מ׳־שטעלט זיך נישט אויף, ווייל מ׳־זעט זיי נישט. אבער דער איבערשטער זעט דאך

אַלץ און ווייסט פון אַלים. אים קאן מין דאך נישט אָפּנאַרן. פאַר מענטשן קאן מין זיך טאַקי פאַרענטפערן: כ־האָב נישט גיזעֶען. אבער פאַרן אייבערשטן קאן מין דאך אַזוי נישט זאָגן.

ה. דער אייבערשטער האָט גיהייסן אַרויסווייזן זיי אַלע כָּבוד, נישט פאַר זייערטוועגן און נישט פאַר די אָרו־מיקע מענטשן. אויב ס־וואָלט אַזוי גיווען, וואָלטן מיר זיך גיקאָנט פּטרן פונים אַרויסווייזן זיי כָּבוד, ווען זיי און די אָרומיקע האָבן נישט גימערקט, אַז מיר האָבן זיי גיזעֶען. ס־איז אבער נישט אַזוי.

ו. דער אייבערשטער האָט אונדז באַפוילן זיי אַלע מְכַבֵּד צו זיין פאַר אונדזערטוועגן. מ־דאַרף אַרויס־ברענגען דעם כָּבוד, וואָס מיר דאַרפן שפּירן צו זיי אין אַפְּעוּלָה. ווי נאָר מיר האָבן זיי בְּאֶמֶת באַמערקט, זענען מיר שוין מְחויב דעם כָּבוד זיי אַרויסצווייזן. דאָס מאַכן זיך נישט זעֶענדיק, הייסט עֶרשטנס: עוֹבר זיין

באַמערקונג:
דערזעֶענדיק תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און אַלטע לייט פונדערווייטנס, פאַר פיר איילן, טאָר מין זיך נישט אָוועקדרייען, אדער אַראָפּלאָזן די אויגן, כְּדֵי מ־זאָל זיי נישט דערזעֶען, בְּשַׁעַת זיי וועלן זיך דערנעֶנטערן אין די פיר איילן. דאָס הייסט: גיוואַלט זיך אַרויסדרייען פונים אייבערשטנס אַ מִצְוָה.

אויף גאָטס גיבאָט, און צווייטנס: מוֹרָא האָבן פאַר מענטשן און נישט פאַר גאָט.

ז. מ׳דאַרף אויך אַרויסווייזן כָּבוֹד יעדן, וואָס איז עלטער פאַר אונדז אין יאָרן, אדער גרעסער פאַר אונדז אין וויסן, אין גוטע מִדוֹת, אין מַעֲשִׂים טוֹבִים.

ח. זיצנדיק מיט זיי צווישן מענטשן, טאָר מען זיך נישט אָנרופן, איידער זיי רופן זיך אָן. מ׳דאַרף זיי אַלע־מאָל לאָזן רעדן צוערשט. אויב מ׳וויל עפּיס זאָגן, דאַרף מען ביי זיי בעטן דערלויבעניש.

ט. מ׳דאַרף אויך זיי לאָזן פריער ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון שטוב. מ׳האָט אַמאָל גיפרעגט איינעם פון אונדזערע הייליקע חֲכָמִים: אין וואָסער זְכוּת האָסטו אַזוי לאַנג גילעבט? האָט ער צווישן אַנדערע גוטע פירונגען גירעכנט דאָס: כ׳בין קיינמאָל נישט גיגאַנגען פאָרויס פאַר דעם, וואָס איז גרעסער גיוועזן פון מיר אין חָכְמָה און אין יאָרן.

טו.

בְּרָכוֹת איבער בליצן און דונערן.

א. פרילינג, זומער, אדער תָּמִיד ביי א ווארים וועטער בְּשַׁעַת ס׳וועט פאר א רעגן פארוואלקנט, באווייזן זיך בליצן און ס׳הערן זיך דונערן. אין א רגע ווערט דער גאנצער הימל באלויכטן. דערנאך הערט זיך באלד א שטארקער קנאל, ווי די ערד וואלט א ציטער גיטון. מענטשן און בַּעֲלֵי חַיִּים ווערן א ביסל דערשראקן. מ׳דערשפירט מיט אמאל די מעכטיקייט פון די גי־וואלטיקע כּוחות, וואס ליגן באהאלטן אין דער וועלט און געבן זיך ביי גילעגנהייט פלוצלינג צו דערקענען אויף זייער ווייט. מ׳דארף דעריבער פריש דערקענען דערביי דעם באשעפער און אים אויפסניי לויבן מיט זיין כּוֹחַ און מאכט, וואס דער־מיט איז פול זיין וועלט.

ב. דערזעענדיק ווידער אזעלכע כּוחות אין דער וועלט וואס ווייזן זיך נישט אפט, מאכן זיי אויף אונדז יעדעס מאל אויפסניי, א שטארקן איינדרוק. מ׳דארף דעריבער, יעדעס מאל אויפסניי, לויבן דערביי די

אײַבערשטן מיט דער באַשאַפונג פון דער גאַנצער וועלט אין די ערשטע זעקס טעג.

ג. ווען מ־דערזעט אַ בליץ, וואָס קומט נאָך אים אַ דונער, מאַכט מען איבערן בליץ די בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ — געלויבט ביזטו גאָט,
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם — אונדזער גאָט, קיניג פון דער וועלט,
עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית. — דער באַשעפער פון דער שאַפונג אין די ערשטע טעג.

ד. אויב דער דונער קומט נישט באַלד נאָכן בליץ, אדער, אויב מ־האָט דעם בליץ נישט באַמערקט, אדער, אויב מ־האָט נישט באַוויזן צו מאַכן איבערן בליץ די ברכה, מאַכט מען איבערן דונער די בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ — געלויבט ביזטו גאָט,
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם — אונדזער גאָט, קיניג פון דער
שֶׁכֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ מָלֵא עוֹלָם. — וועלט, וואָס זײַן כּוח און גְבוּרָה איז פול די וועלט.

ה. אויב ס־בליצט און ס־דונערט צוזאַמען, מאַכט מען נאָר אײנע פון די דערמאָנטע צווײ בְּרָכוֹת. אויף די שוואַכע בליצן אין די גאָר הײסע וועטערן, וואָס נאָך

זיי קומען נישט קיין דונערן, דאַרף מען אינגאַנצן נישט מאַכן קיין בְּרָכָה.

ו. אויב מ'האָט גימאַכט אַ בְּרָכָה איבער אַ בליץ אדער איבער אַ דונער, דאַרף מען אויף די ווייטערדיקע בליצן און דונערן קיין בְּרָכָה מער נישט מאַכן. אויב דער הימל האָט זיך אָבער אויסגילייטערט און ס'בליצט און ס'דונערט פון אַ גאַנץ נייער פאַרוואָלקונג, דאַרף מען אויפסניי מאַכן אַ בְּרָכָה.

ז. פון דונערן קאָן מען חָלִילָה זייער שווער גיטראָפן ווערן. ס'קומען טייל מאָל אום מענטשן און בַּעֲלֵי חַיִים. ס'פאַלן פיל מאָל אום ביימער און ס'אַנטשטייען שְׂרֵפוֹת. מ'דאַרף דעריבער, בִּשְׁעַתן דונערן, זיך דער-מאָנען אין דער מוֹרָא פאַרן אייבערשטנס אַלמעכטיקייט, ווי ס'קאָן חָלִילָה טרעפן די שטראָף פאַר דעם מענטשס זינד אויף אַלערליי אוֹפַנִים.

טז.

די בְּרָכָה איבערן רעגן-בויגן.

א. אין די גאָר אַלטע צייטן זענען אַמאָל די מענטשן

געווארן זייער זינדיק און נישט געפאלגט דעם אײ־בערשטן. זײ האבן גיגנביט, גיגזלט און גיטון אלדאס בייז. האט דער אייבערשטער גיברענגט אַמבול (אַ גרויסע וואַסער־פאַרפלייצונג) אויף דער גאנצער וועלט. גאַנצע פירציק טעג האט גיגאסן אָן אויפהער מיט די שטאַרקסטע שלאַקסרעגנס. אַלע מענטשן און לעבעדיקע באַשעפענישן זענין צוליב דעם געווארן דערטרונקין. נאר איין צדיק, מיטן נאָמין נח, ווי אויך זיינע קינדער און עטלעכע לעבעדיקע באַשעפענישן פון יעדן מין, זענין גיבליבן לעבן. זײ האבן זיך גי־ראַטעוועט אין אַ גרויסן קאַסטן, וואָס דער אייבערשטער האָט נח'ן ספּעציעל גיהייסן מאַכן. דער קאַסטן איז די גאַנצע צייט גישווימין, ווי אַ שיף אויפן וואַסער.

ב. נאָכן מבול האט דער אייבערשטער צוגיזאָגט נח'ן, און גישלאסן מיט אַלע לעבעדיקע אַ בונד, אַז ער וועט שוין מער קיין מבול אויף דער וועלט נישט ברענגין. פאַר אַ צייכן צו דעם צוזאָג האט דער אײ־בערשטער גימאַכט, ס'זאל זיך נאָך גרויסע רעגנס אפט דערזעען אַזאַ גרויסער האַלב־קיילעכדיקער בויגן פון

עטלעכע קאליִרן. דער בויגן באַוואַייזט זיך איבערן הימל אפט נאָך גרויסע רעָגנס איבער די רעשט וואלקנס, וואָס שטיַיען אַנטקעַגן דער אויפשיַינענדיקער זון. מ׳רופט אים: רעָגן-בויגן.

ג. ווי נאר דער רעָגן-בויגן באַוואַייזט זיך, דאַרפן מענטשן גידענקען, אַז דער אייבערשטער האַלט זיַין צוזאָג. כאטש די מענטשן זענען זינדיק, ברענגט ער נישט מעָר קיַין מַבול. מ׳דאַרף דעריבער לויבן דערביַי דעם איי-בערשטן דערפאַר מיט דער בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	גילויבט ביזטו גאט, אונדזער גאט,
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם	קיניג פון דער וועלט, וואָס דער-
זוֹכֵר הַבְּרִית	מאָנט דעם בונד און בלַייבט טרַיי
וְנֶאֱמָן בִּבְרִיתוֹ	זיַין בונד און דערהאַלט זיַין ווארט.
וְקַיָּם בְּמַאֲמָרוֹ.	

ד. בְּשַׁעַת מענטשן דערזעָען דעם רעָגן-בויגן און דער-מאַנען זיך אינים מַבול, דאַרפן זיי אָנהיַיבן ווערן בע-סער און טון גוטס.

יז.

דער ווערט פונים מענטש.

א. אינים זעקסטן טאָג, ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, זענען שוין געווען הימל און ערד, יַמים און טרוקעניש, גרעזער און ביימער, זון, שטערן און לְבָנה, פיש און פייגל, חַיוֹת און בְּהֵמוֹת, אַ פולע, רייכע, שיינע וועלט. ערשט צולעצט האָט דער אייבערשטער באַשאַפן דעם מענטש און אים איבערגעגעבן די גאַנצע וועלט.

ב. ווי איינער בויט אַ פּאַלאַץ, פּוצט אים אויס מיט אַלים שענסטן און שענקט אים דערנאָך אַוועק זיין ליבסטן פריינט, אַזוי האָט דער אייבערשטער צוגעגרייט די גאַנצע וועלט פאַרן מענטש, ער זאָל זי אויסנוצן. מיט אַלים, וואָס ער האָט נאָר באַשאַפן, האָט ער געמיינט דעם מענטש. ווי גרויס איז בַּכֵן דעם מענטשס חֲשיבות!

ג. אָבער נישט נאָר די וועלט האָט גאָט באַשאַפן פאַרן מענטש, די שיינע וועלט, וואָס מיר זעען דאָ, איז נאָך נישט דער אמת'ער פּאַלאַץ, וואָס גאָט האָט דעם מענטש געוואָלט שענקען. ער האָט פאַר אים באַשאַפן

אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, וואָס איז אויף אַן־אֶמֶת דער געטלעכער פּאַלאַץ. קיינן יענער וועלט, איז אונדזער וועלט, ווי גאָרנישט. די וועלט, וואו מיר זענען דאָ יעצט, איז נאר אַ צוגרייטונגס ארט צו יענער וועלט. גאָט האָט זי באַשאַפן, כְּדֵי מענטשן זאָלן קאָנען טון גוטס אדער שלעכטס. ער האָט געוואָלט מיר זאָלן זיך פאַר־דינען אויף יענער וועלט. דעריבער האָט ער אונדז דערמעגלעכט צו טון גוטס אדער שלעכטס און באַ־פוילן אויסצוקלייבן דאָס גוטע און אויסצומיידן דאָס שלעכטע.

ד. גאָט, דער איינציקער באַשעפער, האָט נאר פאַר דעם מענטש צוגעגרייט די גאַנצע שאַפונג, נאר אים געשענקט די גאַנצע ליבשאַפט, נאר אים אויסדערוויילט צו אַלדאָס גוטס. ווי גרויס איז בַּכֵן דעם מענטשס ווערט! מ׳דאַרף דעריבער תָמִיד דעם צווייטן מענטש אָפּגעבן פיל כָּבוֹד, ווי ס׳קומט אים לויט זיין חֲשִׁיבוּת ביי גאָט. ס׳איז נישט קיין חילוק ווער: אַ קליינער צי אַ גרויסער, אַ יונגער צי אַן־אַלטער, אַ געלערנטער צי אַ נישט גע־לערנטער. יעדער האָט אַ געטלעכע נְשָׁמָה. יעדער איי־

וואָס האט נאר צוליב דעם שלעכטס זיינס די
לעכע נְשָׁמה נישט פאַרשפּילט, איז דעם באַשעפער
ער ליב און איז ווערט אַ גאַנצע וועלט. דעריבער
קומט אים פיל כָּבוֹד.

יח.

ווי אַזוי איז מין מְכַבֵּד אַ מענטש?

א. אויב דו טרעפסט אין גאַס אַ מענטש, וואָס קען דיך, באַגריס אים צונערשט! אויב ס׳רופט דיך עמיצער, גיי באַלד צו!

ב. אויב ס׳קומט עמיצער אַריין צו דיר אין שטוב, גיי אים אַנטקעגן! ווייז אים אַרויס אַ ליבלעך און אַ פריי־לעך פָּנים! ווייז אים, אַז ער איז ביי דיר אָנגיזעען און דו ביזט גרייט אים צו דינין! הייס אים אויסטון דעם מאַנטל און ווייז אים וואו אַוועקצולייגן! בעט אים זיצן! ווייז אים אַרויס מיט אַ ווארים גיפיל גיבוג אינטערעס! בְּשַׁעַת ער גייט אַוועק, באַגלייט אים ביז צו דער טיר,

גיזעגן זיך מיט אים זייער הארציק!

ג. לאז יענים פריער רעדן! אויב יענער רעדט, רייס אים נישט איבער זיינע רייד! אויב ס'האט עמיצער גיהאט ביי דיר אנ־עוולה, בעט אים באלד איבער! באהאנדל יעדן איינים, ווי דעם, וואס גאט האט גיקריינט איבער דער גאנצער וועלט.

ד. חשוב איז דער — זאגן אונדזערע הייליקע חכמים — וואס איז מכבד מענטשן. ווער ס'איז מכבד א מענטש, דעם טיילט אויך צו דער אייבערשטער באזונדערן כבוד.

יט.

פארשעם נישט קיינים!

א. אויב דער מענטש איז דאס וויכטיקסטע באשעפעניש, דארפסטו דעריבער זייער שטארק גיהיט זיין אים נישט צו פארשעמין, מיט א מינדסטווארט, מיט א העכערער שטים, מיט א קרומער באוועגונג, פאר־

מינערסטו דעם כָּבוד זיינים. ווי נאר דו שפּעטעסט אָפּ זיינס אַ תְּנועה, ווי נאר דו חַזרסט איבער זיינס אַ ווארט, ווי נאר דו גיסט אַ שמייכל איבער זיינס אַ מַלְבּוּש, דערנידריקסטו אים. דו באַווייזט דערמיט, ווי דו ווּאלסט גיוועֶן קלוגער, פּעֶיקער און שענער פאַר אים. דערביי פאַרלירט יענער ס־חֲשִׁיבוּת, ווערט אַ קנאַפּערער מענטש. באַקומט ס־בלוט אינים פָּנים און בלייבט פאַרשעמט.

ב. ס־קומט צו דיר אַ פרעמד קינד. ס־איז ס־ערשטע מאָל ביי דיר אין שטוב. ס־האט דאַ נישט קיין באַקאַנטע. ס־איז מיט קיינים נישט היימיש. ס־איז דעריבער זייער נישט דרייסט. ס־רירט זיך נישט פון ארט. ס־רעדט ווייניק. ס־האט מורא פאַר יעֶדער קלייניקייט. דיר אבער איז וואויל. דו ביזט אין דער היים. דו קאנסט יעֶדעס ווינקעלע. דו ביזט מיט אַלע היימיש. ווי אַזוי רעדסטו צו אים? ווי אַזוי ווילסטו אים? ווי אַזוי באַהאַנדלסטו אים?

ג. ס־קומט אַן־אָרימער ייד. ער גייט שלעכט גיקליידט. ער איז פאַרבלאַטיקט, הונגיריק, אויסגימאַטערט. ווי נאר מ־דערלאַנגט אים עפּיס, כאַפּט ער צו, האַלט נישט

גוט דעם לעפל, דרימלט אַביסל צו. דיר גיפעלט עס נישט. דו ביזט רואיקער, פיינער, דערצויגינער. דיר פעלט גאָרנישט. דו ביזט זאַט, אויסגירוט. ווי אַזוי זיצטו דערביי? ווי אַזוי קוקסטו אויף אים?

ה. ביי דיר איז אפשר דאָ אַ דינסט. זי רעדט נישט גוט. זי איז אַ דארפישע. זי איז פאַרמאַטערט, לויפט כּסדר איבער דער שטוב. זי איז נישט גישיקט: צו ברעכט אַמאָל אַ טעלער, פאַלט אום מיט עפּיס אין דער האַנט, האט אַ טעות ביים צוזאַמינרעכנין. וואָס זאָגסטו דערצו? ווי אַזוי רעדסטו צו איר?

ה. דו גייסט אין דער גאַס. טרעפסט אַ מענטש, וואָס זעט אויסטערליש אויס, וואָס איז בלינד אויף אַן־אויג, וואָס לאָמט אויף אַ פוס, וואָס האט אַ הויקער, וואָס רעדט הייזעריק, וואָס טראָגט פאַרבלאָטיקטע מלבושים. ווי אַזוי באַגעגנסטו אים? וואָסער תּנועה מאַכסטו דערביי?

ו. דו שיסט אויס מיט אַ גילעכטער. דו שפּעטסט אָפּ. דו וויצלסט זיך איבער אים. דו ברומסט נאָך יעדע באַוועגונג. דו ווינקסט מיט די אויגן. דו ציסט מיט

די אַקסלען. דו זאָגסט אים די פעלער, בשעת אַנדערע הערן. דאָס פרעמדע קינד, דער אָרימער ייד, די עלנטע דינסט, די שווערע קאַליקע ענטפערט דיר נישט. הערט גידולדיק אויס. גיט אפשר צו אַ שמייכל און גייט אַוועק.

ז. ציִ ווייסטו, אַז דו האסט באַליידיקט אַ מענטש, וועמען ס׳קומט זייער פיל כבוד? ציִ ווייסטו אויסער דעם אויך, וויִ שווער ס׳האט אים וויי גיטון? פאַרוואָס קלערסטו נישט, אפשר האט אים גאָר אַ טרער גישטיקט? ביי דיר איז עס אַ קלייניקייט. אַ ווערטל. אַ גילעכטערל. פאַר יענים איז עס אבער ערגער, וויִ אַ פאַטש אין פנים. ביי יענים האסטו דאָס בלוט גיצאַפּט. יענער איז דערפון גיווארן רויט און בלאַס פאַר בושה.

ח. יענער ענטפערט נישט. ער איז אין דער פרעמד. ער איז אָרים. ער איז עלנט. ער איז גישטראָפט מיט אַ פעלער. דערפאַר איז זיין ווייטיק גרעסער. דערפאַר איז זיין עגמת נפש שטאַרקער. ער איז שוואַכער, בלייבט ער דעריבער שטיל. אבער באמת קרענקט עס אים. באמת איז ער אויסגילאַכט, פאַרשעמט און דערנידריקט.

ט. זײַ דעריבּער נישט מְבַזֶה קײן שום מענטש אין דער וועלט! אויבּ דו ווילסט עפּיס באַמערקן, בעֶט אים פּריער איבּער. זאָג אים שטיל. קײנער זאָל נישט הערן! זײַ צומײַסט פאַרזיכטיקער בײַ קאַליקעס, אָרימע און אומגליקלעכע מענטשן! זײער צַעַר איז פיל גרעסער. זײער חֶרְפָּה איז פיל ווײטיקלעכער. זײ איז שוין גינוג שלעכט פון גאָטס שטראָף. פאַרוואָס זאָלסטו זײער פאַרבּיטערונג פאַרגרעסערן מיט דײַנס אַ שמײכל אדער אַ נאָכקרומונג?

י. אויבּ מ׳באַלײדיקט אַ מענטש. בְּשַעַת קײנער זעֶט נישט אַפילו, פאַרמינערט מען שוין דערמיט זײַן כָּבוד. פאַרביליקט מען שוין דערמיט זײַן חֲשִיבוּת. ערגער איז אבּער, ווען מ׳פאַרשעֶמט עֶמיצן פאַר מענטשן. דעמלט איז די חֶרְפָּה פיל גרעסער. דעמלט איז דער צַעַר פיל שטאַרקער.

יא. ווער ס׳פאַרשעֶמט אַ מענטש — זאָגן אונדזערע הײליקע חֲכָמִים — איז, ווי ער וואָלט פאַרגאָסן יעֶנימס בּלוט. דער פאַרשעֶמטער ווערט רויט און בּלאַס. ס׳קומט אים אָפּ בּלוט. ער פאַרלירט דערבּײַ גיזונט.

יב. ס׳איז גלייַכער — זאָגן אויך אונדזערע הייליקע חֲכָמִים — אַרייַנצושפּרינגין אין אַ ברענינדיקן אויוון, איידער עמיצן צו פאַרשעמין פאַר מענטשן. ס׳איז גלייַכער — מייַנט מין דערמיט — צו לאָזן זיך הַרְגינין, איידער יענים מְבַזֶה צו זייַן. דערמיט הַרְגיט מין יענים, וואָס איז די האַרבסטע זינד.

יג. זייַ דעריבער שטאַרק גיוואָרנט פאַר דעם אַלים! היט דעם כָּבוד פון יעדן מענטש! באַליידיק נישט קיינים! זייַ נישט מְבַזֶה קיינים! שרייַ נישט אויף קיינים! ענטפער נישט מיט בייזקייט קיינים! יעדנס כָּבוד איז זייער הייליק. יעדנס צַעַר איז זייַער שווער.

כ.

צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים.

א. צי זעסטו אַ מאָל, ווי דאָס פערד סאַפּיט, שלעפּנדיק אַ שווערע מַשׂא? צי זעסטו אַ מאָל, ווי דער אקס איז צייווילדיווייט, זייענדיק הונגעריק? צי זעסטו אַ מאָל, ווי דאָס פייגילע צאַפּלט, ווערנדיק צובלוטיקט? אויב דו

זעֶסט דאָס אַמאָל, טאָ ווייס ווי וויט יעֶדיס לעֶבּידיקע באַשעפיניש פילט דעֶם צַער פון הונגער, מידיקייט, ווייטיק!

ב. בְּשַעת מ־לאָדנט דאָס פעֶרד מיט מַשׂא, בְּשַעת מ־טרייבּט די קו אין פעלד, בְּשַעת מ־פאַרשפּאַרט ס־פייגילע אין שטייג — פאַרגעסט מין, אַז דאָס לעֶבּידיקע באַשעפיניש ווערט מיד, ליידט, קרענקט און קומט אום פאַר יסורים. ס־ווייסט אַפילו גאָרנישט, ס־פאַרשטייט גאָרנישט, ס־רעדט גאָרנישט, אבּער ס־פילט פּארט דעֶם וויי, ס־ליידט דעֶם צַער.

ג. דאָס באַשעפיניש איז טאַקי אונדזער. מ־טוט דערמיט, וואס מ־וויל. מ־אַרבּיט מיט אים. מ־מעלקט די מילך. מ־שערט די וואל. מ־שעֶחט עס אַפילו און מ־עסט דאָס פלייש. ס־גיהעֶר אונדז. דער מענטש הערשט איבּער די בְּהֵמות, איבּער די חַיות, איבּער די עוֹפות, איבּער די פיש, איבּער אַלים, וואס איז דאָ אין דער וועלט. דער באַשעפער האט זיי באַשטימט פאַר אונדז, מיר זאלן זיך מיט זיי באַדינין, מיר זאלן פון זיי האָבּן וואָס מעֶר נוצן.

ד. זיי דארפן אבער נישט ליידן אומזיסטע יסורים. אויב מיר פארשאפן זיי דעם מינדסטן צער, וואס איז נישט גאר נייטיק, איז עס א גאר גרויסע זינד. מ׳באווייזט דערמיט, אז מ׳איז אן־אכזר, אז מ׳פארמאגט נישט גינוג רחמנות, אז ס׳פארפעלט יעדע איידלקייט.

ה. דער אייבערשטער האט דעם מענטש אנגיטרויט יעדיס באשעפיניש, וואס ער נעמט זיך צום באדינין. דארף דעריבער דער מענטש פילן, וואס דעם באשעפיניש פארשאפט מער צער, וואס טוט אים מער וויי. ער דארף דערפילן, וואס דעם באשעפיניש פעלט, וואס אים קוועלט. ער דארף אים פארשאפן יעדיס באדערפיניש, אויב ער באנוצט זיך מיט אים. מ׳דארף שטענדיק זייער פארזיכטיק זיין, צו פארשפארן אים א האר איבריקן צער. מ׳דארף שטארק אכטונג געבן צו באזייטיקן פון אים דעם מינדסטן קוועל.

ז. ווי גרויס איז אבער דאס רשעות, ווען מ׳טוט אן א באשעפיניש גערנוויליק שלעכטס! ווי שרעקליך איז די פארדארבנקייט, ווען מ׳מאכט זיין צער פאר א שפיל!

ווי גיוואַלדיק איז די פאַרגרעבטקייט, ווען מ־האט נאך גאָר דערפון הנאה!

ז. אויב דו זעסט, ווי אַ בהמה פאַלט אונטער איר לאַסט, העלף איר אויפשטיין! אפילו, ווען זי געהער נישט קיינעם, ביזטו מחויב איר צו העלפן. אויב דו פאָרסט מיט איר, באַשווער איר נישט צו פיל! אויב ס־איז באַרג־אַרויף, פאַרלייכטער איר, גיי אַראָפּ. אויב דו טרייבסט זי, שלאָג זי נישט צו שטאַרק! אויב דו מוזט זי צובינדן, זע זי זאל האבן וואָס ווייניקער צער! שלעפּ זי נישט ביי די האָר, אדער ביי די פעדערן, וואָס פאַרשאַפט פיל ווייטיק! איידער דו עסט, גיב פריער דיינע בהמות, אדער עופות! פאַרזארג זיי מיט אַלים!

ח. אויב דו שחט־סט זיי, מייד אויס איבריקע ליידן, אויך אויב דאָס באַשעפעניש שעדיקט, אדער ס־איז נייטיק צו אַ רפואה, מעגסטו עס הרגינען; ווייל די תורה דערלויבט פאַר דעם מענטשס גיזונט אדער אַנדערע נייטיקייטן צו טייטן יעדיס לעבידיקע באַשעפעניש. דערביי דאַרפסטו אבער גיהיט זיין, נישט צו פאַרשאַפן קיין איבריקן צער, וואָס איז אַן־עבירה.

ט. פֿאַראַן קינדער, וואָס האָבּן הֲנָאָה צוּ שְׁפּילן זיך מיט בַּעֲלֵי חַיִּים, ווי: פֿליגן, פֿייגל, היִנער. מֶערסטנס פֿאַרשׁאַפֿן זיי דערבּיי די בַּעֲלֵי חַיִּים פֿיל צַעַר. טאָר מִין דאָס נִישׁט טון. ס׳איז אַ גרויסע זינד.

י. די זאָרג פֿאַר באַזייטיקן און נִישׁט פֿאַרשׁאַפֿן קיין שׁוּם באַשׁעפֿינִישׁ אוּמנייטיקן צַעַר הייסט בּיי אוּנדזערע חֲכָמִים: צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים — דער צַעַר פֿון לֶעבּעדיקע באַשׁעפֿינִישׁן.

יא. אויסער דעם צַעַר פֿונים בַּעַל חַי, פֿאַרדאַרבּט מִין דערמיט דאָס אייגִינע גיפֿיל. מ׳באַקומט דערפֿון אַ פֿאַרדאַרבּינִים כאַראַקטער. מ׳ווערט אויך שׁלעכט און פֿאַרדאַרבּן קייגן מענטשׁן.

יב. איינע פֿון די גרעסטע מַעֲלוֹת בּיי אַ מענטשׁ איז דאָס דערשׁפּירן יענימס צַעַר, דאָס נִישׁט קאָנִין פֿאַרטראָגן יענימס ווייטיק, דאָס דערפֿילן יענימס גיפֿילן. אויב מ׳איז אבּער צוגיוואוינט נִישׁט צוּ מאַכן זיך פֿונים בַּעַל-חַי׳ס צַעַר, ווען ס׳איז נִישׁט גאָר נייטיק, אַרט שׁוין דערנאָך נִישׁט אַפִילוּ דער צַעַר פֿון אַ מענטשׁ. מ׳פֿאַרשׁטיינערט דערמיט דאָס אייגִינע האַרץ. מ׳פֿאַר-

לירט דאָס ביסל מענטשלעכקייט. מ'ווערט אַן־אַכזר, אַוודאַי שוין, אַז אַזאַ איינים גייט לגמרי נישט אין לעבן צו טון דעם צווייטן אַטובה, אדער צו פאַרשאַפן אים פאַרגניגן.

יג. פאַרזינדיק זיך נישט מיט דער פייניקונג פונים אומ־באַהאלפינים באַשעפיניש! פאַרדאַרב נישט דעם כאַראַקטער צוליב דער קליינער הנאה פונים שפּיל! היט אָפּ ביי דיר די מענטשלעכע איידלקייט! אַנטוויקל ביי דיר בעסער דאָס שיינע, יידישע רחמנות־געפיל! דערוועק ביי דיר תמיד שטאַרק חשק צו העלפן יעדן, וואָס ליידט נאָר עפּיס! זאָרג שטענדיק, ווי אַזוי צו פאַרשאַפן יעדן פילנדיקן באַשעפיניש, וואָס מער וואוילקייט און אָנגענעמלעכקייט!

דער גיטרייער פּירער.

אַמאָל, בשעת משה רבינו פאַשיט די שעפסן אין דער מדבר, דערזעט ער, ווי אַ שעפסל פאַרלאָזט די סטאַדע. משה רבינו מיינט, אַז צוליב שטיפערישקייט אַנטלויפט דאָס שעפסל. הייבט ער עס אָן נאָכצויאָגן. וואָס מער ער יאָגט עס, אַלץ שנעלער לויפט עס.

אין דעם דערזעט ער, ווי דאָס שעפּסל שטעלט זיך אָפּ ביי א טייכל און ס־שלינגט מיט אימפּיט דאָס וואַסער. משה רבינו פאַרשטייט יעצט, אז דאָס שעפּסל איז זייער דורשטיק. ער גייט צו נענטער און זאָגט צום שעפּסל מיט גרויס מיטלייד:

— כ־האָב נישט גיוואוסט, אז דו לויפסט צום וואַסער צוליב דורשט. אוי, נעבעך, ווי מיד דו ביזט, ווי פאַרמאַטערט.

רעדנדיק אזוי צום שעפּסל, נעמט עס משה רבינו אויף די הענט און טראָגט עס אוועק צו דער סטאַדע.

דעמלט זאָגט דער אייבערשטער פונים הימל צו משה־ן:

— דו האסט אזוי פיל טריישאַפט און רחמנות צו די שעפּסן, וואָס זענען דיר גיוואָרן אָנגיטרויט, ביזטו טאַקי פּאַסיק צו ווערן דער פירער פון מיין פאָלק ישראל. גיב איבער די שעפּסן און גיי קיין מצרים! פיר ארויס די יידן פונים גלות און ברענג זיי אינים לאַנד אריין, וואָס כ־האָב צוגיזאָגט זייערע אבות!

דאָס קעלבל און די קעצעלעך.

פאַר רבי יהודה הנשיא גייט אמאָל פאַרביי א קצב, וואָס פירט א קעלבל צו דער שחיטה. דערשפּירנדיק וואוהין מ־פירט עס, האט דאס קעלבל זייער שטאַרק גיריטשעט. ווי נאר ס־האט דערזען רבי יהודה־ן, איז עס ארויסגישפּרונגען פונים קצב־ס האַנט, צוגילאָפן צו אים און פאַרשטעקט דעם קאָפּ אונטער זיין מאַנטל, ווי ס־וואלט אים גיבעטן, ער זאָל עס ראַטירן פונים טויט.

רבי יהודה נעמט אבער אָן ביים שטריקל, וואָס איז צוגיקניפּט

צום קעלבלס האלדז, גיט עס איבער איבער אינים קעב־ס האנט און זאָגט דערביי הארט:

— גיי, ווייל דו ביזט דערצו באשאפן!

רבי יהודה האט אבער באלד דערפילט וואסער פעלער ער האט גימאכט מיט דער הארטער באציאונג צום צער פונים קעלבל.

מ־האט דעריבער אינים הימל דעמלט גיזאגט:

ווי באלד רבי יהודה איז נישט גאנץ אין דער מידה פון רחמנות, ווייל ער האט דאך נישט גיליטן פונים קעלבלס צער, דארף מין זיך מיט אים אליין אויך שטרענג באגיין. זאל ער יעצט, ווי א גרויסער צדיק, ליידן יסורים פאר דער גאנצער וועלט, פון וואס מ־האט אים ביז יעצט צוליב רחמנות באפרייט.

אזוי איז טאקי גיוועז. ס־זענען אים באלד באפאלן שרעקלעכע יסורים. ער האט צוליב דעם א לאנגע צייט גיקרענקט.

איינמאל האט די דינסט גינומין אויסקערן דאס צימער, וואו רבי יהודה איז גילעגן. גראד זענין דעמלט דארט גיוועזן ביי־גיבוירינע קעצעלעך. ווי נאר די דינסט האט גיוואלט אויך די קעצעלעך מיטן בעזים ארויסקערן, האט דער נשיא נישט גילאזט. ער האט איר גיהייסן זיי צו רו לאזן אויף זייער ארט.

ווי נאר מ־האט אין הימל גיזעען רבי יהודה־ס גאנצקייט אין דער מידה פון רחמנות, האט מין אים באלד באפרייט פון דער שווע־רער גזירה און די יסורים האבן אויפגיהערט.

ווייל ווער ס־איז דערבארימדיק איבער א פילנדיק באשעפיניש, פירט מין זיך אויך קיינגן אים אין הימל מיט רחמים און מ־באַ־פרייט אים פון די יסורים, וואס ער דארף ליידן.

כא.

וואָס שטייט אין דער תּורה?

א. אין דער הייליקער תּורה, וואָס גאָט האָט אונדז גיגעבן, גיפינין מיר די וויכטיקע ידיעות איבער דעם גישעענים זינט דער וועלט-באַשאַפונג ביז משה רבינו־ס טויט.

ב. באַזונדער האָבן מיר אין דער תּורה די מִצְוות, וואָס גאָט האָט גיגעבן פאַר די יידן. די מִצְוות טיילן זיך אין גיבאָטן — צו טון גוטע מַעֲשִׂים, און אין פאַרבאָטן — צוריקצוהאַלטן זיך פון שלעכטע מַעֲשִׂים.

ג. אויסער דעם באַקומין מיר אין דער תּורה מוסר. מ־וואָרנט און מ־דערקלערט אונדז, מ־זאָל פאָלגן דעם אייבערשטן און נאָכקומין זיין וואונטש.

ד. די תּורה ווייזט אונדז דערביי: וואָס עס איז אֱמֶת און וואָס — שֶׁקר, וואָס עס איז קלוג און וואָס — נאַריש, ווי ס־זעט אויס די שלעכטע און ווי — די גוטע פירונג.

ה. זי לערנט אונדז וואָס מ־מעג און וואָס מ־טאָר נישט, וואָס עס איז וויכטיק און וואָס — מינדערוויכטיק,

וואָס עס איז דעם באַשעפער ליב און וואָס — אומליב.

ו. זי לערנט אונדז וואָס עס איז אַנ־עוולה און וואָס — אַ יושר, וואָס עס איז אַ מעלה און וואָס — אַ פעלער, וואָס עס איז אַנ־איידלקייט און וואָס — אַ פאַרדאַרבנקייט, וואָס עס פירט צום גוטן און וואָס — צום שלעכטן. אויסער דעם וואָרנט זי, אַז גאָט באַשטראָפט פאַר עבירות און באַלוינט פאַר מצוות.

ז. יעדעס וואָרט, וואָס שטייט אין דער תורה, איז אַ וויכטיקע אָנווייזונג, אַ טייערע לערע. תורה איז טאַקי דער טייטש: לערע. דער אייבערשטער האָט אויך אַריינגעגעבן אַ וואונדערלעכן כּוח אין יעדן וואָרט און אין יעדן אות פון דער תורה, ס׳זאָל הייליקן און אויסאיידלען דעם, וואָס לערנט זי ערלעך.

כב.

די פיניף חומשים.

א. די תורה ווערט צעטיילט אין פיניף חלקים, אדער

סְפָרִים. יעֶדִיס סֵפֶר בַּאזונדער הֵייסט: חוּמש. דער טַייטש פוּנים ווארט חוּמש איז: א פינפטל — אֵיינס פון פינִיף. צוויי, אדער מער סְפָרִים הֵייסן: חוּמָשִׁים. אַלע פינִיף צוזאַמין הֵייסן: חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה — די פינִיף פינפטל פון דער תּוֹרָה. יעֶדִיס סֵפֶר אדער חוּמש הֵייסט לויט דעם ווארט, וואס שטֵייט אינים אָנהֵייב פוּנים חוּמש. די פינִיף חוּמָשִׁים הֵייסן: א) בְּרֵאשִׁית, ב) שְׁמוֹת, ג) וַיִּקְרָא, ד) בַּמִּדְבָּר, ה) דְּבָרִים.

ב. אינים סֵפֶר בְּרֵאשִׁית לערנין מיר איבער דער וועלט-בַּאשאפונג, איבער גאטס שטראָף פאַר די מענטשנס זינד, איבער די ערשטע דורות, איבער דער אַנטשטֵייאונג פון די פעלקער און זֵייער לעֶבּן, איבער אונדזערע אָבות, איבער זייער גַדְלוּת און צִדְקוּת און איבער זֵייערע קינדער — די עֶרשטע דורות פוּנים יִדישן פאלק, ווי אויך איבער עטלעכע מִצְוות.

ג. אינים סֵפֶר שְׁמוֹת לערנין מיר איבער דעֶם גָלוּת אין מִצְרַיִם, איבער דער אויסלֵייזונג מיט אירע גרויסע נִסִים, איבער דער קַבָּלַת הַתּוֹרָה בַּיים בּאַרג סִינַי, איבער דעֶם לעֶבּן פוּנים יִדישן פאלק די עֶרשטע צַייט אין

דער מִדְבָּר, איבער דעם בוי פונים מִשְׁכָּן און דערוג־
טער איבער פיל מִצְוֹות.

ד. אינים סֵפֶר וַיִּקְרָא לערנין מיר איבער זייער פיל
מִצְוֹות, ווי אויך איבער דעם, ווי אַזוי, דער איי־
בערשטער באַשטראָפט אדער באַלוינט פאַר די מִצְוֹות.
בְּעִיקָר קומין דאָ אַריין אַלע מִצְוֹות, וואָס האבן
אַ שַייכות מיטן מִשְׁכָּן און בֵּית הַמִקְדָש. ס־קומין אַריין
די מִצְוֹות, וואָס זענין נוֹגֵעַ כֹּהֲנִים, וואָס גיהערן צו
ערד־ארביט און וואָס זענין צו מייסט גוֹרֵם צו דער־
האַלטן ביי אונדז הייליקייט.

ה. אינים סֵפֶר בְּמִדְבָּר לערנין מיר איבער דעם לעבן
פון די יידן די רעשט צייט אין דער מִדְבָּר. גינויער
קומט דא איבער דער ציילונג פון די יידן, איבער דער
ארדנונג אין דער יידישער מַחֲנֶה, איבער אַלע רו־
ערטער אין דער מִדְבָּר, איבער פיל גישעעניש אין די
ערשטע מִלְחָמוֹת, איבער דער איינטיילונג פון אֶרֶץ
יִשְׂרָאֵל צווישן אַלע יידן און איבער עטלעכע מִצְוֹות.

ו. אינים סֵפֶר דְבָרִים לערנין מיר די מוסר־רייד, וואָס
משֶׁה רַבֵּינוּ האט גיזאָגט אין נאָטס נאָמין צו די יידן

און איבער פיל מִצְווֹת. צולעצט ווערט דערציילט איבער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ־ס טויט און זיינע בְּרָכוֹת פארן יידישן פאלק.

די קליינע מְלַמְּדִים.

אמאל איז געווען א גרויסער תַּנָּא מיטן נאמען רֶבִּי חִיָּא. אין זיין צייט האבן פיל יידישע קינדער נישט געקאנט לערנין קיין תּוֹרָה. רֶבִּי חִייא האט דערפון געהאט פיל עַגְמַת נֶפֶשׁ. ער האט צוליב דעם פארלאזט די טייערע יְשִׁיבָה, ארויס פון דער ליבער היים, געוואנדערט פון שטאט צו שטאט און געלערנט מיט קינדער תּוֹרָה. וואו נאר ער איז געקומען. האט ער צונויפגעזאמלט די קינדער און זיי געפרעגט:

יידישע קינדער, איר ווילט לערנין תּוֹרָה?

האבן די קינדער געענטפערט:

מיר ווילן.

רֶבִּי חִייא האט אבער געהאט ווייניק צייט. אים האט געיאגט דער עוֹל. ער האט געמוזט זיין אין אלע שטעט. וואס טוט ער? האט ער איינעם געלערנט דאס חומש בְּרֵאשִׁית. דעם צווייטן — דאס חומש שְׁמוֹת, דעם דריטן — וַיִּקְרָא, דעם פירטן — בְּמִדְבָּר און דעם פינפטן — דאס חומש דְּבָרִים.

ווי נאר יעדער האט גוט געקענט דאס געלערנטע חומש, האט רֶבִּי חִייא אלע צוזאמענגערופן און זיי געזאגט:

יעצט לערנט, יעדער מיט די איבעריקע, דאס חומש, וואס איר

קענט. אזוי ארום וועט יעדער לערנין אלע פיניף חומשים. איך וועל ווידער גיין אין אנדערע ערטער און לערנין מיט נייע תלמידים.

יעדעס יונגל האט גילערנט מיט זיינע חברים דאס חומש, וואס ער האט גילערנט ביי רבי חייא׳ן. יעדעס יונגל איז אזוי ארום גיווארן א מלמד פאר זיינע חברים. אלע האבן ממילא דערנאך גיקענט אלע פיניף חומשים. אזוי איז דער תנא רבי חייא גיגאנגין אין די שטעט און אין די דערפער, אומיטום אזויגילערנט מיט די קינדער און דערמיט אויסגישטעלט פיל תלמידים. אין א צייט ארום זענין אלע אויסגיוואקסן גרויסע תלמידי חכמים.

כג.

שהחינו.

א. זומער, אומגיפער נאך שבועות, הייבן אן פארטיק צו ווערן פארשידענע נייע פרוכטן. וואס ווייטער, קומין אויף אלץ אנדערע מינים. זעענדיק די פארטיק-גיווארינע נייע פירות, באקומין מיר א גיוויסע פריי-דיקייט. נאך מער שמחה האבן מיר, ווען מיר נעמין אזא פרוכט צום עסן. דערביי דערפילן מיר א באזונ-דערע צופרידנקייט דערפון, וואס מ׳האט דערלעבט די

יעצטיקע צײַט. אַזוי ווי אַלץ איז פונים אײבערשטן, דאַרף מין אים דערפאַר אויך בײַ דער גילעגנהײט דאַנקין מיט אַ בְּרָכָה.

ב. ווען מ־נעמט דעריבער אַ נײַע פּרוכט ס׳ערשטע מאָל צום עסן, מאַכט מין אַ באַזונדערע בְּרָכָה מיט די ווערטער:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	גילויבט ביזטו גאָט, אונדזער
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם	גאָט, קיניג פון דער וועלט, וואָס
שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ	האָט אונדז באַלעבט, דערהאַלטן
וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.	און דערפירט ביז צו דער צײַט.

די בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָנוּ מאַכט מין פאַר דער גיוויינטלעכער בְּרָכָה, וואָס מ־מאַכט פאַר יעדן גיניסן.

ג. די זעלביקע בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָנוּ מאַכט מין אויך, ווען מ־באַקומט אַ נײַ מַלְבּוּש, אויב ער איז אונדז זייער חָשוּב. דאָס איז צוליב דעם אייגינים טַעַם, ווי בײַ אַ נײַע פּרי.

בשַׁעַת עמיצער טוט אָן אַ נײַ מַלְבּוּש, ווינטשט מין יענים: טראָג גיזונטערהייט! אדער צוריַיס גיזונטערהייט! אַנדערע זאָגן אויף לָשון־קודש: תִּתְחַדֵּש! צו

אַמײדל: תִּתְחַדְשִׁי! דאָס הײסט: מ־זאָל דערלעבן צו צורײסן דעם און באַנײען אַ צװײטן מַלבּוש. דאָס דאזיקע זאָגט מען אָבער נישט בײַ נײַע שיך. װײַל מ־דאַרף אָנקומען צו דער פעל, װאָס מ־באַקומט נאָר דורך הרגינען אַ בַּעַל־חַי. דאָס דאַרף מען דאָך װי װײַט מעגליך אויסמײַדן צוליב צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים.

כד.

שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמוּז.

א. װי מיר האָבן שוין געלערנט בײַם אָנהײב פונים חורבן, האָט דאָס גויאישע מיליטער אַ לאַנגע צײַט באַלאַגערט ירושלים. די זײער פעסטע מויער, װאָס האָט אַרומגערינגלט די שײנע הויפּט־שטאָט פונים לאַנד יהודה, איז פאַרמאַכט געװען פון אַלע זײַטן. כּדי אומצולײגן אַזאַ מויער, האָט געמוזט זײער לאַנג דויערן. די גוים האָבן אָבער צו דער מויער נישט געקאָנט צו קומען. אין דער הײך זענען געשטאַנען די ײדן באַװאָפנט.

ווי נאר די גוים האבן זיך צוגירוקט נענטער, אזוי
זענין זיי גלייך באשאסן גיווארן מיט פיילן און שטיינער,
וואס די יידן האבן אויף זיי גיווארפן.

ב. א לאנגע צייט, אנדערהאלבן יאר, האט עס גידויערט.
ירושלים איז די גאנצע צייט גיוועזן פארמאכט און
מ'האט נישט גיקאנט אריינפירן קיין שום עסנווארג.
די יידן האבן געקעמפט מיט אויסערגיוויינטלעכער
העלדישקייט. נאר דער הונגער, וואס האט אנגיהויבן
צו הערשן אין דער שטאט, האט זיי אלע אנידערגילייגט.

ג. מ'האט נישט גיקאנט באקומין קיין ברויט פארן
טייערסטן פרייז. נישט נאר ברויט האט אויסגיפעלט.
מ'האט אויפגיהערט צו באקומין וואסער ס'איז שפייז.
הונדערטער, טויזנטער מענטשן זענין יעדן טאג גיפאלן
אין די גאסן און אויסגישטארבן פון הונגער. דערצו
זענין נאך צוגיקומין זייער שרעקלעכע קראנקייטן.

ד. די יידישע קעמפער זענין גיווארן אפגישוואכט, זייער
צאל איז מיט יעדן טאג גיווארן קלענער. מיד, קראנק,
אויסגיהונגערט איז שוין גיוועזן די גאנצע ירושלימער
באפעלקערונג.

ה. ווענדיק דאָס, האט דעם שונא־ס מיליטער אָנגיהויבן צו שטורמין די מויער, גיבּרענגט פרישע זעלנער מיט פיל קוילנוואַרפער און גישאסן אַזוי לאַנג, ביז זיי האבן זי איינגיבּראכן. ענדלעך איז די ירושלימער מויער, נאָך אַזאַ לאַנגער באַלאַגערונג, ניין טאָג אין תמוז, גישפּאלטן גיווארן.

ו. ווי די ווילדע חיות האבן זיך די גויאישע מחנות גיווארפן איבער די ירושלימער גאסן, הרגינדיק טויזנטער מענטשן און מאַכנדיק אַ תּל פון אַלים, וואָס זיי האבן נאר אָנגיטראפן. אַ מורא־דיקע שחיטה האבן זיי דעם טאָג איבער די יידן גימאַכט. קיינים האבן זיי נישט גישוינט; אַלטע לייט, פרויען, שוואַכע און קינדער — אַלעמין האט מין גיפייניקט און אָנגיטון גיבּרענטע צרות.

ז. דאָס איז גיוועזן ביים ערשטן בית המקדש. ביים צווייטן בית המקדש איז ווידער פארגיקומין אַ לאַנג-דויערנדיקע באַלאַגערונג איבער דער מויער ארום ירושלים. גישפאלטן גיווארן איז די מויער ערשט אינים זיבּיצנטן טאָג פונים זעלביקן חודש תמוז. אויך פיל אַנדערע צרות

זענין גישעען פארשידענע צייטן אינים זיבעצנטן תמוז.
דעריבער האט מען באשטימט דעם זיבעצנטן טאג פונים
חודש תמוז, אדער ווי מ׳רופט אים אין לשון-קודש:
שבעה עשר בתמוז, פאר א פאסט-טאג. דערוואקסינע
יידישע מענער און פרויען פאסטן א גאנצן טאג, יעדיס
יאר, און מ׳בעט דעם איבערשטן, ער זאל אונדז מוחל
זיין די זינד און אונדז ארויסנעמען וואס גיכער פונים
גלות.

כה.

די דריי וואכן.

א. וואס א טאג וויטער איז אין ירושלים גיווארן ערגער.

די גויאישע מחנות האבן כסדר גירויבט, גיהרגיט און
חרוב גימאכט אלצדינג, ביז ביינטן אב האבן זיי דערפירט
זייער טייוולאנישע צעשטערונג צו דער שרעקלעכסטער
שטופע. אויך ביים צווייטן בית המקדש, ווען די
ירושלימער מויער איז ערשט גיפאלן אינים זיבעצנטן
תמוז, איז דער ביינטער אב גיווען דער מורא־דיקסטער

טאָג פונים חורבן. פונים זיבּיצנטן תּמוז ביזן ניינטן אָב זענין דאָ איין און צוואנציק טעג, אדער דריי וואכן. די דאזיקע דריי וואכן רופט מין אין לשון־קודש: בּין המצרים.

ב. מיטן אָנהייב פון די דריי וואכן, פונים זיבּיצנטן תּמוז אָן, איז איינגיפירט אַ גיוויסע מאָס טרויער. מ׳שערט זיך נישט אָפּ די האָר. מ׳טוט נישט אָן קיין נייע מלבּושים און מ׳עסט נישט קיין נייע פּירות, וואָס מ׳דאַרף איבער זיי מאַכן די בּרכה „שהחינו״. מ׳מאַכט אויך נישט קיין חתונות.

ג. בּכלל מיידט מין אויס אין די דאזיקע טעג יעדע שטייגער פרייד. מ׳טאָר נישט, פאַרשטייט זיך, זינגין און שפּילן און אויך נישט הערן פון אַנדערע. מ׳טאָר אויך נישט באַזוכן קיין שום פאַרווײלונג, נישט צוקוקן זיך צו קיין שום פאַראַדן, אדער סתּם פריילעכקייטן.

ד. פונים ערשטן טאָג אין אָב ווערט די אומיטיקייט נאך גרעסער. מ׳פאַרגרעסערט דעריבער אויך דעם טרויער פונים ערשטן טאָג איינים חודש ביזן ניינטן. אין די דאזיקע ניין טעג עסט מין נישט קיין פליישׁ און

מ׳טרינקט נישט קיין וויין, אויסער שבת. מ׳מעג נאר וואשן דאס פנים, די הענט און די פיס בלויז מיט קאלט וואסער און אן זייף. ווען מ׳קאן אבער דעם שמוץ נישט אראפנעמען מיט בלויז וואסער, מעג מען באנוצן זייף. מ׳טאר אבער נישט באדן דעם גאנצן קערפער.

ה. מ׳נייט זיך נישט און מ׳קויפט זיך נישט קיין נייע מלבושים אדער שיך. מ׳וואשט נישט און מ׳פארעכט נישט קיין וועש. מ׳טוט נישט אן קיין שום זאך, וואס פארשאפט פארגעניגן און פרייד.

ו. דעם שבת פארן נײַנטן אב לייענט מען אין שול די רייד, מיט וועלכע דער נביא ישעיהו האט גע־שטראפט די יידן און זיי געווארנט פארן חורבן. די שטראף־רייד הייבן זיך אן מיטן ווארט: חזון. דעריבער רופט מען דעם שבת: שבת־חזון.

כו.

חורבן בית המקדש.

א. נאכדעם, ווי ס'זענין אומגיקומין און אויסגיהרגיט גיווארן טויזנטער יידן, האבן די שונאים נאך אלץ גיהאט ווייניק. זיי האבן באשלאסן כּמעט אלים צו מאכן א תל, ס'זאל גארנישט בלייבן. דאס פרעכטיקע ירושלים האבן זיי זיך פארגומין צו פארוואנדלין אין א וויסטער מדבר. יעדן טאג האט מין אויסגיהרגיט מענטשן, אונטערגיצונדן הייזער און צעווארפן אלע שענסטע גיביידים. דאס גאלד און זילבער, די טייערסטע סחורות, אלע שענסטע כּלים האט מין צעראבירט. אבער דאס אלץ האט זיי נאך נישט בארואיקט. ווי לאנג דאס בית המקדש איז נאך גישטאנין, איז דער דורשט זייערער צו פארוויסטונג נאך אלץ נישט גישטילט גיווארן.

ב. דאס טייערסטע ביי יידן איז שטענדיק גיוועז דאס בית המקדש. ווען נאר מ'האט דארט צום אייבערשטן גיבעטן, האט ער צוגיהערט אונדזערע תּפילות פיל מער, ווי ערגיץ אנדערש. דארט איז ער צו אונדז

געוועזן בענטער. ווען נאר מ'האט צו אים דארט גערופן בשעת א צרה, האט ער אונדז געהאלפן. זייער א גרויסע צאָל מצוות האט מען נאר געקאנט מקיים זיין, ווען מ'האט געהאט דעם בית המקדש.

ג. צוליב דעם בית המקדש האט דער אייבערשטער געשענקט דער וועלט און באַזונדער יידן זייער פיל גוטס. צוליב דעם בית המקדש איז זייער לייכט אָנגעקומען — דעם, וואָס האט נאר געוואלט — צו ווערן איידעלער און הייליקער ביז גאַר אַ גרויסער מאָס. צוליב דעם בית המקדש איז ביי יידן געווען אַן אַ שיעור חכמה. אויך די נביאים זענען ביי יידן געווען צוליבן בית המקדש.

ד. ווי לאַנג דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, איז דער אייבערשטער נאָנט געווען צו זיין פאלק — די יידן. ווי נאר זיי האבן זיך אבער אַלענגערע צייט שטאַרק פאַרזינדיקט, האט ער זיי געוואלט פון זיך דערווייטערן. האט ער דעריבער צוגעלאזט די גוים, זיי זאלן צעשטערן דאָס בית המקדש, וואָס די יידן האבן זיך שוין אויף אים מער נישט פאַרדינט.

ה. דעם ניינטן אָב איז גישעען דאָס גרויסע אומגליק. דאָס בית המקדש, וואָס איז גישטאַנין איבער פיר הונדערט יאָר צייט, איז אונטערגיצונדן גיוואָרן. דער הייליקער בנין, וואָס איז גיוועזן די קרוין פונים יידישן פאָלק, איז פאַרברענט גיוואָרן אויף אַש.

ו. אַלאַנגע צייט האָט דער אייבערשטער גישיקט פיל נביאים צו שטראָפן די יידן און וואָרענען זיי פאַרן חורבן. די לעצטע פירציק יאָר האָט דער נביא ירמיהו אין גאָטס נאָמען כסדר גישטראָפט די יידן און זיך שטאַרק ביי זיי גיבעטן, זיי זאָלן אויפהערן צו זינדיקן. דערביי האָט ער זיי ווידער גיוואָרנט מיט גינויער שילדערונג, ווי דאָס לאַנד וועט חרוב ווערן, דאָס בית המקדש וועט פאַרברענט ווערן און די יידן וועלן פאַרטריבן ווערן. זיי האָבן זיך אָבער צו זיינע רייד נישט גיוואָלט צוהערן און ווייטער גיזינדיקט.

ז. מיט די אייגינע אויגן האָט ירמיהו גיזען, ווי ס׳ווערט אַלץ מקוים, וואָס דער אייבערשטער האָט פאָראויס־גיזאָגט דורך זיינע נביאים. נאָך אַ צייט פריער, איידער דאָס אומגליק איז גישען, האָט ירמיהו לויט גאָטס

באַפעל אָנגישריבן מיט רוח הַקודש די מְגִילה „אֵיכָה״, וואו ס־ווערט מיט רייִנדיקע ווערטער בַּאקלאָגט דער גאַנצער חורְבּן.

ח. אַזוי האט מען אויך אינים זעלביקן טאָג אונטער־גיצונדן דאָס צווייטע בֵּית הַמִקְדש און די יידן ווידער פאַרטריבן אין גָלות אַריין. מיטן חורבן האט דער אייבערשטער אונדז פאַרלאזן און דערווייטערט פון זיך. דעריבער זענען מיר נאך אַלץ אין גָלות. דעריבער פּייניקן אונדז אפט די גויים און מיר ליידן אַזוי פיל צָרות, ביז דער אייבערשטער וועט אונדז אויסלייזן, צוריקפירן קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל און אויפבויען דאָס בֵּית הַמִקדש.

די באַלאַגערונג פון יְרוּשָׁלַיִם.

בְּשעת די שונאים האבן באַלאַגערט די שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, איז אין יְרוּשָׁלַיִם גיווארן אַ גרויסער הונגער. די שטאָט איז גיוועָן פאַרמאַכט, קיינער איז נישט אַרויס און נישט אַריין. מ־האט נישט גיקאנט צופירן קיין שפייז אין דער שטאָט. די יידן האבן גינומען אַ קאַסטן און אָנגיפולט אים מיט גאלד און אַראָפּגילאזט

אים פון דער מויער, זאָגנדיק צו דעם שונא־ס זעלנער:

— נעמט אייך דאָס גאלד און לייגט אריין אין קאַסטן ברויט!

די זעלנער האבן גינומען דאָס גאלד, און אַריינגילייגט אין קאַסטן ווייץ. אין עטלעכע טעג אַרום האבן די יידן, ווייטער אַראָפּגילאָזט אַ קאַסטן גאלד. די זעלנער האבן צוגינומען דאָס גאלד און אַריינגילייגט אין קאַסטן, גערשטן.

אויך גערשטן האבן יידן נישט גיהאַט און זיי האבן זיך דערמיט דערפרייט. דאָס דריטע מאָל האבן די יידן אַראָפּגילאָזט ווייטער אַ קאַסטן מיט גאלד. די זעלנער האבן צוגינומען דאָס גאלד און אַריינגילייגט שטרוי. ביים גרויסן הונגער אין ירושלים איז אויך שטרוי גיווען אַ מציאה.

דאָס פערטע מאָל האבן די יידן אַראָפּגילאָזט דעם קאַסטן מיט גאלד. די זעלנער האבן צוגינומען דאָס גאלד, און גאָרנישט אַריינגילייגט. די יידן האבן שוין מער קיין גאלד נישט אַראָפּגילאָזט.

ירמיהו און די פאַרטריבענע.

ווען די שונאים האבן גיוואונען די מלחמה, האבן זיי גיפאַנגען יידן, פאַרטריבן זיי פון ארץ־ישראל און גיפירט קיין בבל.

בשעת דער נביא ירמיהו האט גיזעען, ווי יידישע יונגעלייט זענען גיבונדן אין אייזערנע קייטן, איז ער צוגילאָפן און זיך אויך צוזאַמענגיבונדן אין זייערע קייטן. אבער דער אָנפירער פון שונא־ס לאַגער איז צוגיגאַנגען און די קייטן פון אים אַראָפּגינומען. זעענדיק ווידער ווי אַלטע לייט זענען אַרומגיבונדן מיט

שטריק ביי זייערע העלדזער, איז ירמיהו צוגילאפן און אויך זיין האלדז צוזאמינגיבונדן מיט זייערע שטריק. אבער דער אנפירער איז ווידער צוגיגאנגין און די שטריק פון אים אראפגינומין. גייענדיק אזוי ווייטער אין וועג, האט ירמיהו גיפונין אפגיהאקטע יידישע פינגער, אוועקגיווארפינע אין די בערג און אין די טאלן. ער האט זיי אויפגיקליבן, זיי איינגיוויקלט, גיהאלדזט זיי און גיקושט, אויסרופנדיק: — אוי, טייערע קינדער מיינע! איך האב אייך גיווארנט און איר האט נישט גיפאלגט. דעריבער מוז איך איצט צווישן די בערג אויפהויבן מיין גיוויין און אין דער מדבר — לאזן הערן מיין קלאג! —

אויפן וועג אין גלות אריין.

ווען מ׳האט גיפירט די פארטריבענע יידן אין גלות אריין קיין בבל, זענין זיי דורכגיגאנגין דאס לאנד ישמעאל. אכציק טויזנט הונגיריקע און מידע כהנים, זענין צוגיגאנגין צו די איינוואוינער פון לאנד און זיך גיבעטן:

— האט אויף אונדז רחמנות! גיט אונדז א ביסל וואסער צו טרינקין! אונדזער צונג איז צוגיקלעבט צום גימין, מיר גייען אויס פאר דורשט!

די איינוואוינער האבן זיי קליגלדיק גיענטפערט:

— פריער וועלן מיר אייך געבן עסן און דערנאך צום טרינקין. זיי האבן ארויסגינומין גיזאלציגע הערינג און פארטריקנט ברויט און זיי גיגעבן. ווען די כהנים האבן אפגיגעסן, איז זייער דורשט

געווארן נאך גרעסער, אַז זיי האבן שוין נישט געקאנט אויסהאַלטן.

און זיי האבן זיך געבעטן מיט געוויין:

— מיר דאַנקען אייך זייער פאַרן חֶסֶד, וואָס איר האט מיט אונדז געטון, געבנדיק אונדז צו עסן. איצט בעטן מיר אייך זייער: גיט אונדז אַ טראפּן וואַסער צו שטילן אונדזער דורשט!

זענען זיי געגאַנגען און געגעבן זיי פאַרשטאפּטע לאָגלען (לעדערנע קריגן) אָנגעפּולט מיט לופט און געזאָגט זיי:

— טרינקט, וויפיל אייער האַרץ גליסט!

די כֹּהֲנים, מיינענדיק, אַז די לאָגלען זענען מיט וואַסער, האבן זיי צוגעשטעקט צום מויל, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם שלעכטן גערוך, פון וועלכן זיי זענען קראַנק געווארן און געשטאָרבן.

דאָס געוויין פון די יידן.

נאָכן חורבן האט מען אַלע חָשובערע יידן אַרויסגעטריבן פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און זיי געפירט קיין בָּבֶל. אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זענען פאַרבליבן אַ זייער קליינער טייל יידן — די פּשוטסטע און די אָרימסטע. אויך דעם נָביא יִרְמְיָהו, וואָס האט געפונען חֵן ביי די אָנפירער פונים שונא־ס מיליטער, האט מען דערלויבט צו בלייבן אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וועלנדיק העלפן די פאַרבליבענע יידן אינים הייליקן לאַנד, האט יִרְמְיָהו באַשלאָסן מיט זיי צו פאַרבלייבן. יִרְמְיָהו איז אבער מיטגעגאַנגען באַגלייטן די אוועקגעפירטע יידן קיין בָּבֶל. אינמיטן וועג האט דער אָנפירנדיקער אויפזעער געהייסן יִרְמְיָהו־ן

צוריקגיין, אויב ער וויל נישט בלייבן אין בבל. ירמיהו האט זיך גינומין גיזעגענין מיט די ארויסגיטריבענע.

ווען זיי האבן דערהערט, אז ירמיהו וויל זיך מיט זיי שיידן, האבן זיי אנגיהויבן שטארק צו וויינין:

— אה, אונדזער טייערער נביא! פארוואס פארלאזטו אונדז? וועמין לאזטו אונדז איבער?

ירמיהו איז גיווארן זייער גירירט. און ער האט צו זיי גיזאגט:

— ס'טוט מיר זייער וויי, מיינע קינדער! דער היינטיקער טאג איז ביי מיר ערגער, ווי דער טויט! הלוואי וואלט איר מיך גיפאלגט, ווען איך האב אייך גיווארנט, וואלט איר אייך דאך דאס אלץ פארשפארט!

זעענדיק, ווי די יידן הערן נישט אויף צו וויינין, האבן די אנפירער זיי מערדערלעך גישלאגן און דערביי גיזאגט:

— אויב איר הערט נישט אויף צו וויינין, מאכן מיר פון אייך א תל! מיר וועלן אייך אלע אויסהרגינין.

בעטן זיך די יידן דעמלט ביים נביא:

— טייערער נביא! ליבער פירער! גאט האט אונדז פארלאזן, פארלאז אונדז כאטש דו נישט! זיי מיט אונדז כאטש נאך עטלעכע טעג, כדי דו זאלסט בעטן גאט פאר אונדז. דיך שטערן די שונאים נישט. אזוי האט דער קעניג נבוכדנאצר אנגיזאגט. דיך טאר מין נישט אנרירן. מיר טארן נישט אפילו וויינין. דו קאנסט, דו מעגסט! — — — דו וועסט דעריבער בעטן בייטאג און מיר וועלן בעטן ביינאכט, ווען די שונאים וועלן שלאפן און נישט זעען, וואס מיר טוען.

ווײַ איז מיר — רופט אויס דער נביא — וואָס איך דאַרף דאָס אַלץ צוזעען!

און ער האט זײַ גיטרײַסט מיט דעם אײבערשטנס צוזאָג, אַז אַפּילו, ווען זײַ וועלן זײַן אינים לאַנד פון די פײַנט, וועט ער זײַ נישט פאַרמיאוסן און ער וועט נישט איבערײַסן דעם בונד, וואָס ער האט מיט זײַ גישלאָסן.

ערשט דעמלט האבן די יידן זיך באַרואיקט. ירמיהו האט זײַ גיבענטשט, גיזעגנט זיך מיט זײַ און גיגאַנגיז צוריק קײַן ירושלים.

בײַ די טײַכן פון בבל.

אויף דעם גאַנצן וועג, וואָס די יידן זענין גיגאַנגין קײַן בבל, האבן זײַ קײַן מינוט אָפּרו נישט גיהאַט. די שונאים האבן זײַ כסדר געיאָגט און גישלאָגן. ערשט, ווען זײַ זענין צוגיקומין צו די טײַכן פון בבל, האט זיך נבוכדנאצר מיט זײַנע לײַט גיזעצט עסן און טרינקין און די יידן האבן זיך ערשט אויפסנײַ צעוויינט.

און נבוכדנאצר האט זיך גיוואנדן צו די יידן: — פאַרוואָס ווײנט איר? נעמט אײַך אײַערע פידלין און שפּילט פאַר אונדז און אונדזערע געטער אײַערע שײַנע לידער, וואָס איר האט גיפלעגט זינגין אין בית המקדש פאַר אײַער גאט!

ווען די יידן האבן דערהערט, אַז זײַ וועלן מוזן זינגין די הײליקע לידער פון בית המקדש דאָ, אויף נישט הײליקער ערד, און נאך פאַר די געטער פון בבל, האבן זײַ זיך איבערגיקוקט

איינער צום אַנדערן, זאָגנדיק: — נישט גינוג, וואָס מיר האבן אונדזער בית המקדש חרוב גימאַכט צוליב אונדזערע זינד, זאָלן מיר נאך יעצט זינגין די הייליקע לידער פאַר די אָפּגעטער, און דערמיט זיך ווידער שוועֶר פאַרזינדיקן פאַרן אייבערשטן?

ניין! דאָס קען נישט זיין! דאָס וועט נישט גישעען!

און מורא האָבנדיק, נבוכדנאצר זאל זיי נישט צווינגין צו שפּילן האבן זיי מיט די ציין זייערע אייגינע פינגער איבערגיבראכן.

און ווען נבוכדנאצר האט זיי גיפרעגט, פאַרוואָס זיי שפּילן נישט, האבן זיי אים גיוויזן די אָפּגיהאַקטע פינגער, אַז זיי קאָנין נישט מער שפּילן.

כז.

תשעה באב.

א. יעדיס יאָר, אינים ניינטן אָב, אדער ווי מ׳רופט אים:

תשעה באב, פאַסט מין אַ גאַנצן מעת־לעת. אַנדערע תענית־טעג צום אָנדענק פון צרות, ווי למשל: שבעה עשר בתמוז, פאַסט מין נאר פון אינדערפרי אָן. תשעה באב אבער הערט מין אויף צו עסן שוין פונים זון־אונטערגאַנג אינים אַכטן אָב און מ׳פאַסט ביזן צווייטן אָוונט. אַפילו שוואַכערע מענטשן, וואָס עסן עפּיס אין די אַנדערע

תּעניתּ-טעג, פאַסטן אין תּשעה באָב, ווײַל דער תּענית איז פיל האַרבער. קליינע קינדער אַפּילו עסן נישט די נאַכט פון תּשעה באָב.

ב. בייַנאַכט און אינדערפרי קומען אַלע יידן — מאַנס-פערשוינען — אין שול אַרײַן. מ־זעצט זיך אויס נאָכן דאַווענען נידעריקער צו דער ערד, מ־לייענט מיט אַ ספּעציעל טרויעריקן ניגון די מגילה „איכה" און מ־זאָגט „קינות" — קלאָג-לידער.

ג. אין די קינות ווערט מיט שטאַרקע ווערטער גישילדערט, ווי גרויס ס־איז אונדזער אומגליק מיטן פאַרלירן דעם בית המקדש, וואָסערע אויסטערלישע צרות די יידן האבן גיהאַט אויסצושטיין ביים און נאָכן חורבן און ווי ביטער ס־איז אונדז גיוואָרן מיטן פאַרטריבן ווערן אינים גלות אַרײַן. ביים לייענען די קינות, וואָס דריקן אויס דעם טיפן צער איבער אונדזער שרעקלעך אומגליק, צעוויינען זיך אַלע ערלעכע יידן און פאַרגיסן פיל טרערן. ביים פאַרענדיקן די קינות בעט מען דעם אייבערשטן, ער זאָל זיך שוין דערבאַרימען איבער אונדז און וואָס גיכער אונדז אויסלייזן. מ־דערמאַנט דערביי די ווערטער

פון זיין פעסטן צוזאָג, וואָס ער האט גיגעבן דעם יידישן פאלק, אויפצוריכטן דאָס הייליקע לאַנד מיטן בית המקדש און צוריקצושטעלן אונדז אינים שענצטן גלאַנץ.

ד. דער ניינטער אָב איז זייער אַ גרויסער טרויער-טאָג. אויך פיל אַנדערע אומגליקן זענין גישעען יידן אין דעם טאָג. דער דאזיקער טאָג איז שוין פאַרן יידישן פאלק פון לאַנג אָן, אַ טאָג פון גאטס שווערער באַשטראָפונג.

ה. צוליבן טרויער טאָר מין אין תשעה באָב נישט וואַשן זיך. מ-מעג נאר וואַשן די הענט אינדערפרי און ווען מ-דאַרף קאנין זאָגן אַ הייליק יידיש ווארט. מ-טאָר אויך נישט אָנטון קיין לעדערנע שיך, אַפילו אויב נאר אַ טייל פון די שיך איז פון לעדער. מ-טאָר נישט ביז האַלבן טאָג זיצן, ווי גיוויינטליך, אויף אַ שטול אדער אַ באַנק, נאר נידעריקער צו דער ערד.

ו. צוליבן טרויער טוט מין אָן תשעה באָב די גאָר פשוטסטע מלבושים. מ-באַנוצט ביינאַכט זייער קנאַפע באַלייכטונג. מ-גייט נישט שפּאַצירן. מ-באַגריסט זיך

נישט. אויב עמיצער באַגריסט אבער יא, ענטפערט מין
אים נישט, נאר מ־שאקלט אים קוים צו מיטן קאפּ.

ז. מ־טאָר זיך תּשעה באָב נישט פאַרנעמין מיט קיין שום
אַרביט, וואָס מ־לאזט זיך דערביי אַרויס פונים טרויער.
אֲפילו תּורה טאָר מין נישט לערנין. ווייל תּורה פאַרשאַפט
פרייד דעם, וואָס לערנט זי. באַזונדער לאזט מין זיך
צוליב דעם אַרויס פונים טרויער. מ־לערנט נאר אַזעלכע
שטעלן פון תּורה, וואָס האבן מיט טרויער אַשייכות.
בשעת מ־לײנט אין שול „אֵיכָה" און מ־זאָגט קינות, לײנין
אין שטוב יידישע טעכטער, אדער הערן אויס דערציילן,
די גישעענישן פונים חורבן. ביזן האַלבן טאָג פאַרנעמט
מין זיך בּכלל נישט מיט קיין שום אַרביט.

כח.

שבת נַחֲמוּ.

א. שַבּת נאָך תּשעה באָב לײנט מין אין שול גינויערע
שולדערונגין פון דער פולער גְאולה, וואָס דער

אייבערשטער האט אונדז פּאַראויסגיזאָגט דורך זיינע נביאים. גאַנצע זיבן וואכן לייענט מען יעדן שבת אַן־אַנדער שטעל פון די נביאים, וואָס גיבן אונדז איבער אינים אייבערשטנס נאָמען, ווי אַזוי ס׳־וועט אויסזען די קינפטיקע גאולה.

ב. יידן גרייסן, אַז ס׳איז נישטאָ עפּיס מער זיכערס, ווי דעם אייבערשטנס אַצוזאָג. דערצו, אויב מ׳־זעט, ווי דאָס שלעכטס ווערט מקוים, וועט דאָך דאָס גוטס אַוודאי מקוים ווערן. אויב דאָס שלעכטס, וואָס איז דעם באַשעפער זייער אומליב צו ברענגען אויף מענטשן — דערצו אויף יידן — האט ער אויסגיפירט, וועט ער דאָך גיוויס דאָס גוטס, וואָס ער גאַרט אַזוי שטאַרק צו באַגליקן דערמיט מענטשן — ספּעציעל יידן — פּינקטלעך דערפולן.

ג. דעריבער דערפילט זיך דאָס יידישע פאלק גיטרייסט. מיר טרייסטן זיך מיטן אייבערשטנס פעסטער פאַרזיכערונג, אַז ער וועט שיקן אונדז גאָר בקרוב משיח׳ן, וואָס וועט אויסראָטן דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס וועט דערהייבן אַלע צום קלאָרן אמת, וואָס וועט

ברענגען די גאַנצע וועלט צום פעסטן שלום, וואָס וועט דערפירן אַלע צום העכסטן גליק. מ'איז דעריבער דעם שבת נאָך תשעה באָב מער בשמחה. דער דאָזיקער שבת הייסט אויך שבת נחמו, ווייל די טרייסט-רייד, וואָס מ'לייענט דעמלט, הייבן זיך אָן מיטן וואָרט: נחמו, וואָס דער טייטש איז: זייט געטרייסט!

כט.

געדענק אינעם שבת!

א. שוין עטלעכע מאָל, ווי מיר האָבן געלערנט עפּיס דערפון, ווי מ'דאַרף הייליקן דעם שבת, ווי מ'טאָר אין אים נישט טון קיין שום מלאכה, ווי מ'טאָר געוויסע זאַכן אַפילו נישט אָנרירן. אָבער וועגן דעם, וואָס מ'האָט ביז יעצט געלערנט, געדענקט כמעט יעדעס קינד, אַז מ'טאָר עס נישט טון. ווייל מ'זעט שטענדיק, ווי די עלטערן זענען אין דעם אַזוי פאָרזיכטיק, ווי זיי זענען דערבײַ אַזוי ציטערדיק, ווערן ממילא די קינדער

אײַנגיוואוינט אויך צו זײַן אַזוי אָפּגיהיטן.

ב. ס'זענין אבער דאָ מְלָאכות אדער מוּקְצה־זאַכן, וואָס קומין זעלטן פאר בײַ די עלטערן, אדער וואָס זײַ פאַרנעמין זיך אינגאַנצן נישט דערמיט, ווי די אויסגירעכנטע אינים נאָנטסטן קיפּיטל. די עלטערן, למָשל, פאַרבּרענגין שַׁבּת זײַער ווייניק אויפן פעלד, גייען זײַער זעלטן שפּאַצירן אין גאָרטן אַרײַן, פאַרנעמין זיך אינגאַנצן נישט מיט קינדערישע שפּילן. דעריבּער קומט נישט אויס די קינדער צו באַמערקן בײַ אַזעלכע שטייגער מְלָאכות אדער מוקצה־זאַכן די עלטערנס אָפּגיהיטנקייט. ממֵילא זענין די קינדער אין דעם נישט אײַנגיוואוינט, האבּן זײַ נאך נישט דערפילט דערבּײַ די מורא פאַרן חילול שַׁבּת, קאנין זײַ פאַרגעסן בײַ דעם אין דער האַרבּקייט פונים איסור.

ג. מ'דאַרף דעריבּער פיל לערנין און שטאַרק זיך אײַנ־חַזרן וועגן די מְלָאכות און מוקצה־זאַכן, וואָס קומין אפטער פאר אינים גאָרטן, אויפן פעלד אדער בײַם שפּילן זיך. מער ווי אַלע מאָל דאַרפן זיך קינדער אײַנ־גיוואוינין צו גידענקין אינים שַׁבּת זומער־צײַט, בּשַׁעת

מ־איז גיכער אין דרויסן, בשעת מ־האט נישט איבער זיך די עלטערנס אויפזיכט, בשעת מ־פארברענגט מיט אנדערע קינדער.

ד. מער פאר אלים דארף מען גיווארנט זיין פאר א חילול שבת ביים פארברענגען אין פארשידינע שפילן. די שפיל ווילט דאך יעדן קינד, פארשאפט דאך אים פארגיניגן. דאס קינד ווערט דאך אפט מאל ביים שפילן אזוי פארקאכט, אז ס־ווייסט נישט, וואס ס־טוט זיך ארום אים, וואס מ־רעדט צומאל צו אים. ס־פארגעסט אין אלים. אויב ס־איז נישט איינגיוואוינט אין דער אפגיהיטנקייט פון די פארבאטינע מלאכות אדער מוקצה־זאכן, וואס קומען דערביי אונטער, קאן עס לייכט עובר זיין חלילה אויפן הארבן איסור פון חילול שבת.

ה. גידענק באזונדערס אינים שבת, ווען דו טרעפסט זיך מיט פארשידינע קינדער, וואס זענען נישט דער־צויגן גיווארן אזוי שטארק יידיש! דו ביסט צוגיוואוינט צום שבת פון דער היים. דו האסט גילערנט וועגן דער הייליקייט פונים שבת אין דער שול. דו האסט אליין

זיך איינגיחזרט די דינים פון שבת. דערמאַן זיי דעריבער, אַז ס'איז שבת! זאָג זיי, אַז מ'טאָר דאָס נישט טון.

ו. זיי ציען דיך אַריין אין דער שפּיל. זיי ווייזן דיר אַרויס גוט-פריינטשאַפט. זיי פאַרשאַפן דיר פאַרגעניגן. ווייז זיי טאַקי, ווי דערוואַקסינע ערלעכע יידן זאָגן זיך אָפּ פון די גרעסטע פאַרדינסטן צוליב שבת, ווי דעם אייבערשטנס פאַרלאַנג איז זיי ליבער פאַר אַלים, ווי דעם אייבערשטנס תורה איז זיי טייערער פאַר דעם אָנגענעמסטן פאַרגעניגן!

ז. זאָלן די אַנדערע קינדער זעען, אויב זיי וועלן באַלד נישט פאָלגן, אַז דו ביזט גרייט צו פאַרלירן זייער פריינטשאַפט, אַז דו קאָנסט בלייבן זיצן אַליין, אַבי דעם הייליקן שבת חלילה נישט צו פאַרשוועכן. דיר אבער וועט דער אייבערשטער דערפאַר שענקען אַ גרעסער פאַרגעניגן, אַ יידיש פאַרגעניגן, אַ געטלעך פאַרגעניגן. ער וועט דיר דערפאַר געבן אמת'ע מנוחה, פיל פרייד און אייביק גליק.

ל.

פון וואָס נאָך מ־דאַרף גיהיטן זײַן אין שַבת.

א. מ־טאָר נישט שַבת גראָבן אין דער ערד. אַזוי טאָר מין אויך נישט מאַכן דאָס מינדסטע גריבל, ווי לְמָשָל ביים שפּילן אין ניס אדער אין קלאַסן. מ־טאָר נישט שלעפּן קיין שום זאַך, וואָס קאָן מאַכן אַ ריץ אין דער ערד, ווי לְמָשָל פאָרן מיט אַ ראָווער אדער אַ רעדל, פירן אַ וואָסער ס־איז וועגעלע — ספּעציעל, וואו די ערד איז נישט אַספאַלטירט אדער ברוקירט מיט גלאַטע טראָטואַר־שטיינער.

ב. מ־טאָר נישט שַבת קנעטן קיין מעל. אַזוי טאָר מין אויך נישט קנעטן קיין ליים אדער זאַמד. מ־טאָר זיך דעריבער נישט שפּילן אין קיין שום שפּיל, צו וואָס מ־דאַרף עפּיס קנעטן, אדער צונויפמאַכן אֲפילו בלויז ערד מיט וואַסער.

ג. מ־טאָר נישט שַבת פאַרזייען אדער פאַרפלאַנצן. אַזוי טאָר מין אויך נישט אויסגיסן קיין וואַסער דאָרט, וואו

ס־נוצט גיוויקסן. מ־טאָר אויך נישט אַריינשטעלן קיין אָפּגיריסענע בלומין אין וואַסער, כּדי זיי זאָלן זיך עפענין, ווייל דערמיט פאַרפערטיקט מין זייער וואַקסן. מ־טאָר אויך נישט האַלטן אדער באַוועגן קיין בלומין־טעפּ, ווייל דערמיט פאַרשנעלערט מין אדער מ־שטערט דאָס וואַקסן.

ד. מ־טאָר נישט שבת אָפּשניידן קיין תּבואה פונים פעלד.

אַזוי טאָר מין אויך נישט אָפּרייסן קיין גראָז אדער בלומין, נישט אַראָפּנעמין קיין פּירות פון דיביימער, נישט אָפּרייסן קיין יאַגעדיס, נישט אויסרייסן גרינצייג פון דער ערד. פּירות, וואָס זענין אַראָפּגיפאַלן שבת פונים בוים, אדער גרינצייג, וואָס עמיצער האט אַרויסגיריסן שבת פון דער ערד, טאָר מין אַפילו נישט נעמין אין דער האַנט אַריין און אַוודאי נישט עסן. אויב מ־ווייסט אַפילו נישט, ווען זיי זענין אַראָפּגיפאַלן אדער אויסגיריסן גיווארן, טאָר מין זיי אויך נישט אויפהייבן. צווייגלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די ביימער, טאָר מין שבת נישט אויפהייבן, אַפילו ווען מ־ווייסט זיכער, אַז זיי זענין אַראָפּגיפאַלן פאַר שבת.

ה. מ׳טאָר נישט שבת האַנדלען. אַזוי טאָר מען אויך נישט שפּילן זיך אין קיין שום שפּיל, בײַ וואָס מ׳קאַן געווינען געלט אָדער זאַכן. מ׳טאָר זיך אויך נישט וועטן מיט עמיצן.

ו. מ׳טאָר נישט שבת בריען אָדער צעלייגן, אַזוי טאָר מען אויך נישט אויפשטעלן אָדער צעוואַרפן געבײַדעס און בילדער פון שפּיל־קלעצלעך, העלצלעך אָדער עפּיס אַנדערש. מ׳טאָר אויך נישט צוזאַמענקלעבן אָדער אָפּקלעבן קיין שום פּאַפּיר, ווי למשל: בילדער, קאָנווערטן, מאַרקעס און דאָס גלײַכן.

ז. מ׳טאָר נישט שבת שפּילן אָדער פײַפן מיט קיין שום אינסטרומענטן. אַזוי טאָר מען אויך נישט אָנדרייען קיין שום שפּילצײַג צום שפּילן אָדער קלינגען, נישט אויפשטעלן קיין פּאַטעפאָן, נישט אָנשטעלן קיין ראַדיאָ, נישט קלינגען בײַ קיין טיר.

ח. מ׳טאָר נישט שבת קלויבן. אַזוי טאָר מען אויך נישט סאָרטירן, ווי למשל קלעצלעך, העלצלעך, מאַרקעס און דאָס גלײַכן.

לא.

די וואונדער פונים לעבן.

א. בשעת דו זעסט מיט דיינע אויגן, און הערסט מיט דיינע אויערן, האלטסטו דאס פאר זייער פשוט. ס׳זעט ביי דיר אויס, ווי א קלייניקייט. ווען דו ווערסט אבער גיוואר, ווי ס׳גייט באמת צו דאס זעען און הערן; ווען דיר ווערט נאר באקאנט דער גאנצער צוזאמינשטעל פונים אויג אדער פונים אויער — וואלסטו אויפ- גישפרונגין פון דער וואונדערלעכער חכמה, וואס ליגט בלויז אין אזא איינצעלנים איבר; וואלסט גישטוינט איבער דער אומגיהייערער צאל טיילעכלעך, וואס שטעלן צונויף דאס איבר; וואלסטו דערזעען, ווי דעליקאט ס׳איז יעדיס טיילעכל באזונדער; וואלסטו נתפעל גיווארן, ווי אזוי די אלע טיילעכלעך צוזאמין מאכן דיר מעגלעך דאס זעען אדער הערן. אזוי איז עס מיט אלע איבעריקע איברים. ווען דו באטראכסט דאס אלץ, וואלסטו זיך דערשראקן, דערזעענדיק ווי ווייט דאס גאנצע גיזונט פון יעדן איבר און פונים גאנצן קערפער הענגט אויף א האר.

ב. אַזוי אויך, ווען דו וואלסט נאר גינויער גיוואוסט, ווי אַזוי מ־שלינגט אַראָפּ אַ שפּייז, ווי אַזוי זי קומט אַראָפּ צו דער אונטערשטער טייל פונים קערפּער, וואלסטו נישט אויפגיהערט צו באַוואונדערן די גיוואַלטיקע חָכמה, מיט וואָס דאָס אַלץ איז אויסגישטעלט.

ג. אויב דו וואלסט נאר אַמאָל באַטראַכט בלויז די נאָז־לעכער, ווי מ־עטימט מיט זיי, ווי מ־דערפילט מיט זיי אַריח, וואלט דיר זיכער פאַרפעלט ווערטער פאַר התפּעלות איבער זייער וואונדערלעכקייט.

ד. דאָס בלוט, דאָס וואַסער, ווי יעדע פליסיקייט, וואָס דער מענטש באַזיצט, לויפט איבערן גאַנצן קערפּער דורך די אויסגיהוילטע איברים און אָדערן. פונים דאזיקן ריכטיקן אומלויף איז אָפּהענגיק דאָס גאַנצע גיזונט פונים קערפּער, ווי אויך דאָס גאַנצע לעבן. אויב אַ מענטש פאַרלירט נישט די פליסיקייט, וואָס ער דאַרף אין זיך צו האָבן; אויב גלייכצייטיק טיילט ער ווידער אויס די פליסיקייט, וואָס ווערט אין אים איבעריק, אַלץ פּינקטליך און ריכטיק צוגימאסטן — איז ער נארמאַל גיזונט. איז עס נישט גאטס וואונדער?!

ה. אַמענטש פילט גאָר נישט, וואָס עס באַטייט די מינדסטע באַשעדיקונג פונים וואָסער ס׳איז איבר. ער פאַרגעסט, ווי בלויז מיט דעם איבערייס פונים דינים אויג-הייטל ווערט מען חלילה בלינד, ווי בלויז מיט דער פאַרשטאָפונג פונים קליינים נאָז-לעכל ווערט מען חלילה דערשטיקט, ווי בלויז מיט אַנישט ריכטיקן שלונג ווערט מען חלילה דערוואַרגן. מ׳זעט עס באַזונדערס בשעת ס׳ווערט חלילה איבערגיהאַקט אַן־אָדער, ווי דאָס בלוט לויפט, ווי מ׳פאַרלירט אַלע כוחות, ווי מ׳גייט ממש אויס, אויב מ׳ראַטיוויט נישט באַלד. מ׳זעט עס אפילו בשעת עמיצער באַקומט בלויז אַקאַטאַר, ווען ס׳פליסט נאָר אַביסל צו פיל — ווי אומאָנגינעם דאָס איז.

אַזוי זעט מען אויך בשעת אַמענטש האָט אַמאָל נישט נאָרמאַל שטולגאַנג אדער אורין אָפּלויף, וואָסער ווייטיק מ׳האָט דערביי, וואָסער שטערונג ס׳איז אינים גיזונט, וויפל קראַנקייטן ס׳פאַרשאַפט, ווי ס׳שטערט די נאָרמאַלע דערנערונג. ס׳דערפירט אַפילו אַמאָל חלילה צו אַטויט פאַל.

ז. מיט אַזוי פיל וואונדער עקזיסטירט אַ מענטש, ווי יעדער בעל חי. מיט אַזוי פיל חכמה האט דער אייבערשטער אויסגישטעלט אַלעבידיק באַשעפינישׁ. פונדעסטוועגן לעבן אַ וועלט באַשעפינישן נארמאַל, אָן קיין שום שטערונגין. די זייער איידילע איינ־ריכטונגין, וואָס זענין דאָ אָן אַ שיעור אינים קערפּער; די גיוואַלטיקע באַוועגונגין, וואָס קומין אין אים פאר — דערפולן כסדר זייער שליחות אויסגיצייכנט, פונקציאנירן כסדר גאַנץ גוט.

ח. ווען מיר וואלטן זיך גוט צוגיקוקט צו דער אינערלעכער איינריכטונג פונים קערפּער, וואלטן מיר יעדיס מאָל אויפסניי גיווארן פול מיט שרעק. מיר וואלטן גיציטערט, צי ס׳וועט בשלום אדורכגיין, צי ס׳וועט דאָ עפּיס נישט קאַליע ווערן. פונדעסטוועגן איבערחזרן זיך די אומצעליקע וואונדער מיליאַרדן מאָל מיט גרויס הצלחה.

ט. נאך מער: ס׳טרעפט אפט, וואָס דער מענטש מאַכט מיט זיין נישט ארנטלעכער פירונג, מיט זיין נישט פּינקטלעכער אויפפּאַסונג, אַ גיוויסע צעשטערונג אינים

נארמאַלן גאַנג פונים קערפּער מעכאַניזם. פונדעסטוועגן רופט עס נישט אַרויס קיין ערנסטן שאָדן. ס'ווערט פון זיך אַליין גאַנץ גיך וואונדערלעך אויסגירעגולירט.

י. פאַר דעם אַלים דאַנקט מין דעם באַשעפער נאָך יעדן שטולגאַנג, ווי נאָך יעדן אורין־אָפּלויף. נאָך דעם, ווי מ'וואַשט די הענט, מאַכט מין די בּרכה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם
אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם
בְּחָכְמָה וּבָרָא בוֹ
נְקָבִים נְקָבִים
חֲלוּלִים חֲלוּלִים
גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ
שֶׁאִם יִפָּתֵחַ אֶחָד
מֵהֶם אוֹ יִסָּתֵם
אֶחָד מֵהֶם, אִי
אֶפְשַׁר לְהִתְקַיֵּם
וְלַעֲמוֹד לְפָנֶיךָ
אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת.

געלויבט ביזטו גאָט,
אונדזער גאָט, קיניג פון דער וועלט,
וואָס האָט געשאַפן דעם מענטש
מיט חכמה און האָט אין אים
באַשאַפן עפענונגען אויף עפענונגען,
קאַנאַלן אויף קאַנאַלן. ס'איז אָפן
געוויזן און באַוואוסט פאַר דיר,
אַז ווען ס'זאָל געעפנט ווערן
איינס פון זיי, אָדער ווען ס'זאָל
זיך פאַרשטאָפּן איינס פון זיי,
איז נישט מעגלעך מער צו
דערהאַלטן זיך און שטיין בלייבן
פאַר דיר אַפילו איין מאָמענט.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	געלויבט ביזטו גאט, וואָס היילט
רוֹפֵא כָל בָּשָׂר	יעדן לעבידיקן קערפּער און שאפט
וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת.	וואונדער.

לב.

לייטישע פירונג.

קליידונג

א. מ־דערקענט אפט אַמענטש לויט זיין קליידונג, ווי אַזוי ער איז אָנגיטון. ער ווייזט אפט דערמיט, וואָס ער איז, וואָסער כאַראַקטער ער האט. ס־טרעפט אַפילו, אַז אויך אַלייטישער מענטש גייט נישט ארנטלעך אָנגיטון צוליב אָפּגילאזנקייט, צוליב פאַרנומינקייט, צוליב צייט־אדער געלט־מאַנגל. ס־טאָר אבער אַזוי נישט זיין. ביי אַלע שווערִיקייטן קאָן מין דאך באַווייזן צו זיין ארנטלעך אָנגיטון.

ב. אַיידישער מענטש, וואָס האט נאר עפּיס גילערנט תּורה, וואָס היט אָפּ מִצְוות, דאַרף ספּעציעל זייער

פיל אַכט לייגן אויף זייַן קליידונג צוליבן כָּבוד פון תּורה און יידישקייט. ווייַל דערמיט מאַכט ער די תּורה מיט דעם יידישקייט בייַ אַלימין באַליבט. פאַרקערט ווידער, בייַ אַ פאַרנאַכלעסיקטער קליידונג, פאַרמיאוסט ער עס אין די אויגן פון מענטשן. זיי וואַרפן אויף אים אַנ־אומחן.

ג. די מַלְבּושים, וואָס מ־טראָגט, דאַרפן תָּמיד זייַן גאַנץ, ריין און אָנשטענדיק. אויב זיי ווערן אייַנגעריסן, דאַרף מען זיי באַלד פאַריכטן. מ־דאַרף אבער דערבייַ זען, זיי זאָלן נישט פאַרלירן זייער שיינקייט. מ־דאַרף אויך שטענדיק אָפּהיטן די מַלְבּושים, זיי זאָלן נישט פאַרפלעקט ווערן. מ־דאַרף אויפּפּאַסן, זיי זאָלן נישט ווערן צוקנאַדערט, מ־זאָל זיי אָנטון, ווי ס־געהער צו זייַן און זיי זאָלן תָּמיד גוט ליגן אויף זיך. מ־טאָר זיך קיינמאָל נישט פוילן צו באַזייַטיקן אַ פלעק פון די מַלבּושים, אדער אָפּצורייניקן זיי פונים שטויב. דער עיקר דאַרף מען זיך וועגן דעם אומקוקן בשעתן אָנטון.

האלטונג אין גאַס

ד. אַזוי דערקענט מען אויף אַ מענטש פונים גאַנג זיינים

אויף דער גאַס. אַ לייטישער מענטש וועט אין גאַס נישט לויפן, נישט שטופּן קיינים, נישט רעדן און נישט לאַכן צו הויך, נישט אָנמאַכן קיין גיפילדער; נישט רופן עמיצן הילכיק. ער וועט ספּעציעל שטאַרק לייגן אַכט צו גיין אַזוי, ער זאל קיינים נישט אָנשטויסן און נישט שטערן דעם גאַנג. אַ לייטישער מענטש וועט אויפפּאַסן נישט צו גיין מיט אַן־אויפגיריסענים קאָפּ, ווי אויך נישט צו פיל איינגיבויגן. דאָס אַלץ פאדערט זייער לאַנגע איינגיוואוינטקייט. דעריבער דאַרף מען שוין פון קינדווייז אָן דערויף שטאַרק אַכט לייגן.

ה. מער ווי אַלע מאָל דאַרפן קינדער גידענקען אָפּגיהיטן צו זיין מיט זייער האַלטונג, בשעת זיי גייען אַלע מיט אַ מאָל אַרויס פון דער שול. מ׳פאַרגעסט דעמלט אינגאַנצן, ווי אַזוי זיך צו האַלטן. מ׳פילדערט, מ׳שרייט, מ׳לויפט, מ׳שטויסט זיך און מ׳יאָגט זיך. מ׳מאַכט אַן אַ גרויסן טומל אויף דער גאַס און מ׳שטערט די דורכגייער. פון אַזאַ צעלאָזינער און

ווילדער אויפפירונג דאַרף מען זיך דורכאויס צוריק־האַלטן.

ו. אַזוי גוט ווי ביי קליידונג, דאַרפן אויך ערלעכע יידן ספּעציעל אויפּפּאַסן אויף אַלייטישן גאַנג צוליבן כּבוד פון יידישקייט. אַזוי אויך יידישע קינדער, וואָס פירן זיך יידיש, זענען טאַפּלט מחויב געוואָרנט צו זיין אין אַפּאַסיקער האַלטונג ביים פאַרלאָזן די שול. זייער יידישע לערע דאַרף דערצו אויף זיי גינוג ווירקן. אויסער דעם דאַרפן זיי דאָך זיין אַמוסטער פאַר אַלע אַנדערע מיט זייער לייטישער אויפפירונג. זיי דאַרפן דעריבער תּמיד זיין מלא־חן. מ'טאָר קיינמאָל נישט האָבן זיי עפּיס פאַרצוואַרפן. ווייל אַנדערש, מינערן זיי חלילה דערמיט דעם ווערט פון זייער לערע. מסתמא — זאָגן מענטשן — איז אין דעם שולדיק זייער נישט גוטע דערציאונג, מסתמא טויג נישט זייער לערער.

וויזיטן

ז. ס'קומט יעדן מענטש אַמאָל אויס עמיצן צו באַזוכן, ווייל מ'דאַרף עפּיס צו יענים, ווייל מ'וויל מיט אים

פאַרבּרענגין, ווייל מ־וויל אים מְכַבד זיין. דאַרף מין שטענדיק גידענקין און זיך גוט אײַנגיוואוינין, ווי אַזוי זיך דערבּײַ אומצוגיין.

ח. מ־דאַרף בִּכְלָל נישט צו אָפט גיין צו יענים. דער עיקר ווענדט זיך צו ווערמין. צו טייל קאָן מין גיין אָפטער, צו טייל זעלטינער און צו טייל גאָר זעלטן.

ט. ווען מ־גייט שוין יא, דאַרף מין וויסן, ווען צו גיין. מ־דאַרף פריער בּאַרעכענין, צי יענער האט דעמלט צייט, צי יענער איז דעמלט גוט גילוינט, צי די שטוב איז בּיי אים דעמלט פריי. ווען ס־איז מעגליך, איז גלייכער פריער צו בּאַשטעלן דעם בּאַזוך.

י. אויך, ווען מ־איז שוין בּיי יענים, דאַרף מין איבּער־קלערן, צי מ־זיצט נישט צו לאַנג, צי יענער איז שוין נישט מיד, צי דאַרף יענער נישט אַמאָל עפּיס טון, צי שטערט מין נישט יענים צוליב פרישע געסט.

יא. ווען מ־קומט צו יענים, דאַרף מין פריער גילאַסן אָנקלאַפּן בּיי דער טיר, בּאַגריסן דעם וואָס עפנט, פרעגן זיך אויף דעם מענטש וואָס מ־דאַרף און צי מ־קאָן אַרייַנגיין. פאַרן אַרייַנגיין אין די ווייטערע

צימערן דאַרף מען אָנקלאַפּן פריער ביי יעדער טיר.
מ׳דאַרף באַגריסן יעדן פון די שטוב־מענטשן; נישט
זעצן זיך, איידער מ׳בעט; זעצן זיך אין עק, אויב יענער
ווייזט נישט אָן וואו; נישט נעמען קיין זאַך אין דער
האַנט אַריין, איידער מ׳בעט אַ דערלויבעניש; נישט
גיניסן פונים גישטעלטן כיבוד, כּל זמן מ׳בעט נישט
שטאַרק.

יב. אויב מ׳קומט צו קינדער פאַרבּרענגען, דאַרף מען
לייגן אַכט, צי די עלטערן זענען דערפון צופרידן, צי
מ׳שטערט נישט די אַנדערע שטוב־מענטשן, צי מ׳איז
נישט גורם אַן־אומאָרדנונג.

יג. ביים אַוועקגיין דאַרף מען זיך מיט יעדן איינים
גיזעגענען, ווי אויך דאַנקען פאַר דער גאַסט־
פריינטלעכקייט, וואָס מ׳האָט ביי יענים גינאָסן.

יד. בשעת דו ביזט ביי יענים צו גאַסט דאַרפסטו דער
עיקר גידענקען, אַז נישט אַלץ, וואָס יענים שטערט,
קאָן ער דיר זאָגן; אַז נישט אַלץ, וואָס איז צוליב דיר
יענים אומבאַקוועם, קאָן ער דיר באַמערקן. ער שעמט
זיך דאָס צו טון. ס׳איז אים אומאַנגינעם. ער וויל אויך

מסתמא דיך נישט באַליידיקן, נישט ברענגען דיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ער שוינט מסתמא דיין כבוד. דעריבער באַמי זיך צו אויסצופילן יעדע קלייניקייט. וואָס קאָן נאָר יענים קווען, וואָס קאָן נאָר יענים זיין אומליב! זאָרג דערפאַר, דו זאָלסט תמיד זיין אַן אָנגעלייגטער, אָנגענעמער און באַליבטער גאַסט.

רעדן צו מענטשן

ט׳. אין די רייד — זאָגן אונדזערע הייליקע חכמים — דערקענט מען אַ מענטש, צי ער איז אַ חכם אָדער אַ גולם. אַ גולם הייסט: אַן־אומרייפער מענטש. דאָס וואָרט, וואָס אַ רייפער מענטש רעדט אַרויס איז באַרעכנט, קלאָר, ריין און גענוי. אַ רייפער מענטש הערט גוט, וואָס יענער זאָגט; באַמיט זיך וואָס בעסער יענים צו פאַרשטיין; רייסט נישט יענים איבער אינמיטן רעדן. אַ רייפער מענטש רעדט נישט וועגן דעם, וואָס איז אים נישט גאַנץ קלאָר. ער רעדט נישט, איידער ער באַטראַכט רואיק וואָס ער גייט זאָגן. ער באַמיט זיך צו בלייבן גאַנץ רואיק ביים רעדן מיט יענים. ער

גידענקט צו נעמין אין אַכט פאַר ווען ער רעדט. דעריבער דאַרף מין שׂוין פון קינדווייז אָן גיוויינין זיך, ווי אַזוי צו רעדן מיט מענטשן, כְּדֵי וואָס פריער ווערט צו זיין דעם נאמין חָכם.

טו. צווישן די זאַכן, וואָס אונדזערע חֲכָמִים רעכענין פאַר מַעֲלוֹת פון אַ חָכם ווערן נאך דערמאַנט: נישט צו רעדן פריער פאַר אַן־עלטערן אין וויסן און אין יאָרן, פרעגן און ענטפערן צו דער זאַך און רעדן מיט אַ סֵדֶר — וואָס מ׳האט גיפרעגט צום־ערשט, ענטפערן צום־ערשט.

לג.

תשובה.

א. אַ מענטש איז שטענדיק פאַרנומין מיט פאַרשידענע זאַכן. ער פאַרגעסט דעריבער טייל מאָל צו זיין אַזוי גיבור אָפּגיהיטן אין די מִצוות, וואָס דער אייבערשטער האט אונדז גיהייסן מְקַיים זיין. טייל מאָל ווידער ווערט ער אַ ביסל פויל, נאָכצוקומין די שווערערע תורה־

פאדערונגען. אַנדערע ווידער ווערן אַזוי ווייט אָפּ־געלאָזט, אַז זיי קענען נישט דערנאָך אַפילו זיך אָפּהאַלטן פון צו טון אַן־עבֿירה בשעת ס׳פאַרגלוסט זיך זיי. שפּעטער אָבער האָבן זיי דערפון גרויס צער. זיי וואָלטן זייער געוואָלט זייערע פעלער פאַרבעסערן. ווייל תּורה און מצוות זענען פאַרט ביי יידן דאָס גאַנצע לעבן.

ב. איז שוין טאַקי דערצו נישטאָ קיין עצה? ניין! אַ ייד פאַרן באַשעפער איז, ווי אַ קינד פאַרן פאָטער. אויב אַ קינד פאַרזינדיקט זיך און ס׳דערזעט דערנאָך דעם באַגאַנגענעם פעלער, זאָגט עס צום פאָטער:

— ס׳לעצטע מאָל. כ׳טו עס מער שוין נישט. אמת, כ׳האָב דיר פאַרשאַפט עגמת נפש. כ׳האָב אָבער שטאַרק חרטה, כ׳האָב מיך באַנאַרישט. ס׳פאַרדריסט מיך טאַקי זייער. זיי זשע מיר, טאַטע, מוחל!

הערנדיק אַזעלכע ווערטער, איז אים דער פאָטער באמת מוחל.

ג. אַזוי איז מיט יעדן ייד. ווי נאָר ער באַרעכנט זיך, וואָסער שלעכטס ער האָט אָפּגעטון, ווי ווייט ער האָט געזינדיקט קעגן דעם אייבערשטנס פאַרלאַנג, האָט ער

זייער חרטה אויף זיין ביז אהעריקער פירונג. ער נעמט אויף זיך מיטן גאנצן הארץ, שוין מער אזוי נישט צו טון. ער זאגט צו פון יעצט אן צו זיין שוין גוט, ווייטער זיך צו פירן ווי גאט האט געבאטן. ער בעט דעמלט דעם אייבערשטן, ער זאל אים מוחל זיין פאר זיינע באגאנגינע חטאים.

ר. די זינד קייגן דעם אייבערשטנס פארלאנג איז אפילו גאר נישט צו פארגלייכן מיט די זינד פונים קינד קייגן דעם פאטער. אויב א ייד זינדיקט קייגן דער תורה, פירט ער איבער די נשמה זיינע מיטן קערפער. ער פארדארבט אונדזער וועלט — דא, מאכט אפילו קאליע אין יענער וועלט — דארט. מייסטנס קומט אים פון דער זינד אליין זיין באשטראפונג. אויב ערווארפט שטיינער, פאלט ער איבער זיי. אויב ער צעפלאקערט א פייער, ווערט ער פארברענט. אויב ער טייט אנדערע, ברענגט אים אויך אום די שווערד. וואס איינער זייעט, דאס וואקסט אים. לויט דער פירונג זיינער, אזוי גישעט אים. אויב איינער טוט שלעכטס, ברענגט דאס אליין איבער מייסטנס צרות מיט יסורים. די באשטראפונג קומט

ממילא. אזוי האט דער אייבערשטער אויסגישטעלט די וועלט בשעת איר באשאפונג

ה. גאט, דער באשעפער פון אלים האט אבער אויך אזוי איינגישטעלט אין דער וועלט, אז אויב איינער קערט זיך ערלעך צוריק פונים שלעכטס, זאל אלץ דעמלט ביסלעכווייז פאריכט ווערן, זאל דאס שלעכטס זיינס פארשווינדן, זאל מער קיין שטראף נישט ארויסקומען פון זיינע זינד, ס־זאל ווערן ווי ער וואלט קיינמאל גארנישט גיזינדיקט, ס־זאל אינגאנצן גוט ווערן. דאס איז אגרויסע טובה פונים באשעפער. ס־איז אגיוואלטיקער חסד.

ו. דאס באדייערן די זינד, דער אפקער פונים שלעכטן, דער צוריקקער צום אייבערשטנס וועג, די גרייטקייט צו פאלגן גאטס תורה, די שטארקע חרטה אויף די גימאכטע פעלער, הייסט: תשובה — צוריקקער. ווי נאר דער אייבערשטער, וואס ווייסט אלע מחשבות, זעט, אז ער מיינט טאקי מיטן גאנצן הארץ מער נישט צו זינדיקן, אז דער באגאנגינער פעלער טוט אים באמת וויי, אז דאס פארשאפט אים טאקי פיל צער, אז ס־פארדריסט

אים זייער, איז ער אים באַלד מוחל, ווישט ער אים אינגאַנצן אָפּ די זינד.

לד.

אֶלול.

א. מער ווי אַלע מאָל, מער ווי אַ גאַנץ יאָר, הייבט אַ ייד אָן צו באַרעכענען זיך איבער זיין פירונג אינים לעצטן חודש פונים יאָר — חודש אֶלול. ער וויל זיך אין אַלים בעסערן, כּדי מיטן נייעם יאָר אָנצוהייבן אַ נייַ לעבן פון בלויז גוטס. ס׳גייט אויך צו ראש השנה, די ערשטע טעג פונים נייעם יאָר, ווען דער אייבערשטער משפט אַלע מענטשן און פאַרשרייבט זיי גוטס אדער שלעכטס. דעריבער גייט יעדן ייד אין דעם, ער זאָל באַצייטנס תּשובה טון, כּדי צו זיין צוגיגרייט צו ראש השנה, מ׳זאָל אים חלילה נישט פאַרמשפּטן צום שלעכטן.

ב. ווי ס׳קומט אָן דער חודש אֶלול הייבט זיך יעדער

ייד אָן אַרומצוקוקן, ווי אַזוי ס־איז אים דאָס גאַנצע יאָר אַדורכגילאָפן, וואָס ער האט אַלץ ביז יעצט אָפּגיטון, וואָס ער האט אַלץ פאַרפעלט צו טון. ער דערזעט ערשט, ווי ווייט ס־איז גיווען זיין פירונג פון דעם, ווי זי האט גידאַרפט צו זיין.

ג. אויב מ־גרייט זיך צו אַ גאַנצן חודש אֶלול און מ־טוט באֶמת תְשובה, האט שוין דער מענטש נישט מער אַזוי שטאַרק מורא צו האָבן פאַר זיינע זינד אין ראש השָנה. דער אייבערשטער וועט אים שוין גיוויס מוחל זיין. ער קאן שוין דעריבער אין ראש השָנה בעטן אויך אויף אַלדאָס גוטס. אויב נישט, דאַרף ער זיך זייער שטאַרק שרעקן פאַרן אָנקומינדיקן מִשפט, ווען מ־דערמאַנט גיוויס אַלע עֲבֵירות און מ־לאזט נישט אַ דורך דאָס מינדסטע.

ד. דער חודש אֶלול איז אויך אַ צייט, ווען דער באַשעפער קוקט זיך אום אויף דער וועלט מיט גרויס רַחֲמים (דערבאַרימדיקייט). ווייל זייענדיק אין דער מִדְבָר, נאָכן אַרויסגיין פון מִצְרַים, האבן די יידן אַ מאָל שווער גיזינדיקט. האט משה רַבֵינו אין דער צייט

אויסגיפועלט ביים אייבערשטן. מ־זאל זיי מוחל זיין און באהאנדלין מיט רחמים. פון דעמלט אָן איז דער חודש אלול אויף שטענדיק א צייט פון פיל רחמים. אין דעם חודש העלפט מין זייער שטארק צו פון הימל יעדן ייד, וואָס נעמט זיך ערנסט צו תשובה. מ־העלפט אויך אין דער צייט פון הימל יעדן איינים, וואָס ארבייט צו דערווערבן גוטע מעלות. מ־קאן דעריבער דעמלט מער ווי אלע מאָל זייער פיל דערגרייכן אין יעדער באמיאונג צום גוטן.

ה. פונים ערשטן טאָג אינים חודש אלול בלאָזט מין אין שול יעדן אינדערפרי נאָכן דאווינין מיט א שופר (אַן־אויסגיהוילטער הארן פון א באראַן). מ־בלאָזט, כדי צו דערמאנין אין דער נייטיקייט פון תשובה.

לה.

ווי אזוי דארף א ייד עסן.

א. יעדער בעל חי עסט און טרינקט. פארוואָס טוט ער עס? ווייל דער הונגער אדער דער דורשט צווינגט

אִים דערצו; ווײַל די תַּאווה (גלוסטונג) צו דער הֲנָאה פונים עסן און טרינקען שטויסט אִים דערצו. אויך דעם מענטש שטויסט צום עסן און טרינקען דער הונגער און דורשט, אדער די תַּאווה צו דער הֲנָאה.

ב. אַמענטש איז אבער נישט ווי אַבַּעל חַי. אַבַּעל חַי ווייסט גאָרנישט, פאַרשטייט גאָרנישט. אַבַּעל חַי מוז טון אַלץ, וואָס אִים גלוסט נאר. אַמענטש איז אבער אַנדערש. אַמענטש איז אַבַּעל שֵׂכל. עֶר קאָן מיט שֵׂכל באַטראַכטן, צי דאָס גיגלוסטינע דאַרף מען יא טון אדער נישט טון. אַמענטש איז אויך פרײַ. עֶר האט אַבְּרֵירה די תַּאווה זײַנע נישט נאָכצוגעבן.

ג. די תּוֹרה פאַרלאַנגט פונים ייד, עֶר זאָל תָּמיד טון נאר דאָס, וואָס עֶר ווערט דערצו אויפגיפאדערט פונים שֵׂכל. אויך עסן דאַרף עֶר נישט ווײַל ס־גלוסט אִים, נישט ווײַל ס־הונגערט אִים, נישט ווי אַבְּהֵמה, נאר ווי אַבַּעל שֵׂכל. עֶר דאַרף עסן, ווײַל דער שֵׂכל פאדערט עס, ווײַל ס־דערהאַלט אִים בײַם לעֶבן, ווײַל ס־גיט אִים גיזונט, ווײַל ס־פאַרשטאַרקט אִים זײַנע כּוֹחות, ווײַל ס־פאַרשאַפט אִים רוּאיקייט.

ה. לעבן, גיזונט, כּוחות און רואיקייט זענען פאַר אַ ייד נישט בלויז פאַרגניגנס. אַ ייד פאַרשטייט מיט זיין שׂכל, ווי וויַט זיי זענען אים נייטיק. וויַל נאר אַ לעבּידיקער מענטש קאן מקיים זיין מצוות. נאר מיט אַ גאַנץ גיזונט, מיט פולע כּוחות, מיט רואיקייט קאן מין דערגרייכן דאָס גוטס, צוליב וואָס מ׳איז באַשאַפן גיוואָרן. נאר מיט דעם אַלים ווערט אים דערמעגלעכט דער וועג צו עולם הבּא.

ה. אויסער דעם איז צו דערהאַלטן דאָס לעבן און גיזונט פאַר זיך אַליין אַ מצווה. דער אייבערשטער פאַרלאַנגט עס זייער שטאַרק פון אונדז. מ׳איז שטענדיק מחויב צו טון אַלץ, וואָס קאן נאר העלפן דערצו; אַזוי אויך אויסצומיידן אַלץ, וואָס קאן נאר שאַדינין דערצו.

ו. אויך די הנאה בּיים עסן איז נישט וויניק וויכטיק פאַר אַ מענטש אַ בּעל שׂכל. אויסער דעם, וואָס זי העלפט מיט צו אַ גוטער פאַרדייאונג, מאַכט זי דעם מענטש הייטערער, שאַפט זי אים צופרידנקייט. דאָס ווידער בּרענגט אויפגילייגטקייט צו איידעלע מחשבות, ווי צו גוטע מעשׂים.

ז. מ׳דאַרף דעריבער לייגן אַכט פאַר אַלימין אויפן נוצן פאַרן געזונט. מ׳דאַרף נאָר עסן דאָס, וואָס גיט צו מייסט כוח. מ׳טאָר נישט עסן דאָס, וואָס קאָן נאָר עפּיס שאַטן, אַפילו ווען מ׳האָט עס זייער שטאַרק ליב. מ׳דאַרף ווידער נישט אָפּזאָגן דאָס, וואָס איז גוט פאַרן געזונט, אַפילו ווען ס׳שמעקט נישט אַזוי שטאַרק. מ׳דאַרף נישט וועלן בלויז די טייערסטע מאַכלים. מ׳דאַרף זיך בכלל צו זיי נישט צוגעוויינען, כדי ס׳זאָל נישט שאַטן, ווען מ׳וועט זיי נישט קאָנען באַקומען.

ח. מ׳דאַרף אויך דעריבער שטאַרק אויפפּאַסן ביים עסן אויף דער האַלטונג. מ׳דאַרף קאָנען איינהאַלטן די ווילדע גיריקייט, וואָס מ׳באַקומט דעמלט. וויסנדיק, וואָס די תורה פאַרלאַנגט פון אַ ייד ביים עסן, דאַרף מען זיך פאַרהאַלטן דעמלט זייער רויִק. מ׳וועט אַזוי אַ נאָך נישט בייז ווערן, ווען ס׳קומט אויס צו וואַרטן אויפן עסן; מ׳וועט זיך נישט צוכאַפּן אייליק, נאָר כסדר עסן גילאַסענערהייט; מ׳וועט נישט אויפעסן אַלץ, ווען ס׳דאַרף נאָך עמיצער דערפון עסן; מ׳וועט נישט אָפּכאַפּן די ברכה פאַרן עסן, צוליב גרויס איילעניש.

ט. אויב מ'עסט צוליב בלויזער תאווה, פארלירט מין ביסלעכווייז די ייִדישע איידלקייט, מ'ווערט פארגרעבט, מ'בלייבט טעמפּ צו תורה און מצוות. ווען מ'עסט אבער, ווי די תורה פאדערט, טוט מין גאר דערמיט א גרויסע מצווה, איז עס אזוי גוט ווי א הייליקע עבודה.

י. צוליב דער זייער גרויסער חשיבות פון דער ייִדישער סעודה, באציט מין זיך צו איר מיט פיל כבוד. אפילו דעם טיש, וואס מ'עסט אויף אים, האלט מין פאר זייער חשוב. מ'זעצט זיך נישט אויף אים, מ'לאזט נישט שטיין אויף אים קיין שמוציקע כלים. מ'טוט נישט אויף אים קיין מבוזה־דיקע זאכן. איידער מ'גייט עסן לייגט מין פריער א טישטוך. מ'זיצט מיט גרויס דרך־ארץ. כדי צו גידענקין די וויכטיקייט פונים עסן, כדי נישט אריינצופאלן אין הוילער תאווה, פארברענגין דערוואקסינע ביים עסן נאר מיט תורה. זיצנדיק מיט אנדערע שמועסט מין אין לערנין, אדער מ'דערציילט זיך באלערנדיקע מעשיות.

יא. אבער אויסער דעם אלים זענין אונדז גיגעבן גיווארן ספּעציעלע מצוות צו מאכן דאס עסן הייליק. דאס

זענען די בְּרָכוֹת, וואָס מ׳מאַכט פאַרן עסן און נאָכן עסן, ווי אויך די מִצווה צו וואַשן די הענט פאַר יעֶדער הויפּט־סְעוּדה, ווען מ׳עסט פָּשוט מעֶל־גיבעקס. די מִצווה רופט מען אין לָשון־קוֹדש: נְטִילַת יָדַיִם — וואַשן די הענט.

לו.

וואַשן די הענט צום עסן.

א. צו אָנ־עסן פון פָּשוט מעֶל־גיבעקס, ווי ברויט לְמָשל, וואָס מ׳דאַרף דערצו מאַכן די בְּרָכה הַמוֹציא, מוז מען פריער וואַשן די הענט. מ׳וואַשט נישט די הענט צום עסן צוליב ריינקייט. נאך פאַרן וואַשן די הענט צום עסן, מוז מען זיי פריער גוט ריין מאַכן, אָפּווישן אויף טרוקן און דערנאָך ערשט זיך וואַשן.

ב. אויסערדעם, וואָס מ׳מוז פריער ריין מאַכן די הענט פון יעֶדער שמוציקייט, טאָר מען נישט האָבן אויף די הענט, בִּשעַת׳ן וואַשן, אַזעלכעס, וואָס לאָזט נישט צו,

וואו ס׳איז, קײן וואַסער, ווי לְמָשָׁל: אַ פינגערל, אדער
עֶנלעכעס.

ג. מ׳מוז וואַשן די הענט נאר פון אַ כֵּלִי, וואָס דער
וואַשנדיקער, אדער אַן־אַנדערער מענטש, באַוועגט
זי צום גיסן אויף די הענט.

ד. די כֵּלִי, וואָס מ׳וואַשט מיט איר די הענט, מוז זײַן
פון אונטן ביז אַרויף, בײַזן סאַמע ראַנד, עכט גאַנץ.
אויב זי איז ערגיץ־וואו גילעכערט אדער גישפּאלטן,
אויב זי איז נאר אֲפִילוּ עפּיס בײַם ראַנד אָפּגיקלאַפּט,
הײסט זי שוין נישט גאַנץ.

ה. מ׳קאָן אויך נישט וואַשן זיך מיט קײן כֵּלִי, וואָס האט
נישט קײן גלײַכן ראַנד, נאר איז טײל־ווײַז העכער
טײל־ווײַז נידעריקער, ווי לְמָשָׁל טײל קרוגן. אַזוי קאָן
מ׳ין אויך נישט וואַשן זיך מיט אַ כֵּלִי, וואָס האט
אַ שנאָבל (אויף פּויליש: אַ דזשאבעק), ווי אויך נישט
פון קײן וואַסער־לײטונג.

ו. ס׳איז אַ מִצְוָה צו וואַשן די הענט מיט אַ סך וואַסער.
נאר אויב מ׳האט ווײניק וואַסער, איז ווינציקסטנס
גינוג אַ האַלב גלאָז אומגיפּער. מ׳דאַרף זען, אַז דאָס

וואַסער זאָל דערגייִן אומעטום, אויף דער גאַנצער האַנט, ביז צום עלנבויגן און צווישן די פינגער. אויב מ׳האָט אבער ווייניק וואַסער, וואָס גינוגט נישט צו וואַשן די גאַנצע הענט, מעג מען וואַשן בלויז ביז איבער די פינגער. אבער מיט ווייניקער ווי אַ האַלב גלאָז אומגיפער, טאָר מען זיך נישט וואַשן.

ז. דאָס וואַסער, וואָס מ׳וואַשט דערמיט די הענט, טאָר נישט זייַן אַזאַ, וואָס מ׳האָט עס צו עפּיס גינוצט, אדער וואָס די נאַטירלעכע קאָליר זייַנע איז פאַר-ענדערט.

ח. צונערשט וואַשט מען די רעכטע האַנט און דערנאָך די לינקע. מ׳דאַרף אָפּגיסן יעדע האַנט צוויי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן. נאָכן וואַשן די הענט דאַרף מען אָפּרייבן איינע אין דער אַנדערער און איידער מ׳ווישט אָפּ די הענט מאַכט מען די ברכה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	גילויבט ביזטו גאָט, אונדזער גאָט,
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם	קיניג פון דער וועלט, וואָס האָט אונדז
אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו,	גיהייליקט מיט זייַנע מִצוות און
וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדַיִם.	באַפוילן אונדז וועגן וואַשן די הענט.

נאָך דער בּרָכה ווישט מ׳ין אָפּ די הענט, זיי זאָלן זיין גוט טרוקן.

ט. פונים וואַשן די הענט ביזן אָנהייבן עסן טאָר מ׳ין נישט אויסרעדן. מ׳טאָר אויך נישט טון קיין שום זאַך, אויסער, וואָס מ׳מוז האָבן צום אָנהייבן עסן און מ׳האָט עס נישט באַוויזן פריִער צו באַזאָרגן.

י. אויב מ׳האָט זיך געוואַשן צו קאָרן־אָדער ווייצן־ברויט, דאַרף מ׳ין נישט מאַכן אינמיטן דער סעודה קיין בּרָכה אויף פיש, פליייש, געקעכטס וּכדוֹמֶה, וואָס מ׳עסט אָפּט ביי דער סעודה זאַט צו ווערן.

יא. ווי באַר מ׳האָט געוואַשן די הענט צום עסן טאָר מ׳ין נישט מיט זיי אָנרירן אין קיין שום אומריינע זאַך אָדער צוגעדעקט אָרט פונים קערפּער. אויב מ׳רירט יאָ אָן, דאַרף מ׳ין זיי נאָך אַ מאָל וואַשן.

לז.

בִּרְכּות הַמָזוֹן—בּענטשן.

א. אומגיהייער גרויס איז די צאָל לעבּידיקע בּאַשעפּינישן, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. ס־זענין דאָ אָן אַשיעור מינים ווערים, פליגן, פיש, פייגל, בְּהֵמוֹת און חַיוֹת. בּאַזונדער זענין דאָ מילי־מיליאָנין מענטשן. דער אייבּערשטער האט אַלע אַזוי בּאַשאַפן, אַז זיי קאָנין נישט לעבּן אָן עסן און טרינקין. ער האט אבּער פאַר זיי פריער בּאַשאַפן די נייטיקע שפּייז.

ב. די שפּייז, וואָס איז נייטיק פאַר אונדז מענטשן, וואַקסט יעדיס יאָר אויפסניי. ס־הענגט אבּער אָפּ פון זייער פיל זאַכן, אַז די שפּייז זאָל גיראָטן, אַז זי זאָל וואַקסן גוט, אַז ס־זאָל זיין אַסך, כְּדֵי ס־זאָל גינוג זיין פאַר אַלימין. כְּדֵי ס־זאָל זיין אַגוט גירעטיניש, איז נייטיק גינוג זוניקייט, גינוג רעגנוואַסער, גוטע לופט וכדומה. דערצו דאַרף עס שפּעטער פאַרהיט ווערן פון אַצו שטאַרקער היץ, פון אַפאַרפלייצונג, פון צו פיל רעגנס און דאָס גלייכן.

ג. די שפּייז, וואָס מיר האבן זייער נייטיק, האט דער אייבערשטער גימאַכט אַזוי, אַז מ־זאָל נאָך דאַרפן פּיל אַרביטן, כְּדֵי זי זאָל וואַקסן און גרייט ווערן צום עסן. לְמָשָׁל ביי קאָרן און ווייץ, דאַרף מין יעדיס יאָר צונערשט אַקערן און זייען. שפּעטער, ווען ס־ווערט צייטיק, דאַרף מין עס שניידן, דרעשן, מאָלן, קנעטן און באַקן. ביי דעם אַלים מוז מין זייער פּיל זיך אָנאַרביטן, ביז מ־דערזעט פּאַרטיק אַ שטיקל ברויט.

ד. די איינוואוינער פון די שטעט האבן אבער נישט קיין ערד, וואו ס־וואַקסן אַלערליי שפּייז־גיוויקסן. מיט אַלע אַרביטן אין פעלד פאַרנעמין זיי זיך נישט. דערפאַר אבער מוזן זיי האָבן געלט צו קויפן די שפּייזן. דאָס געלט ווערט באַצאָלט די פּויערן און אַנדערע אַרביטער, וואָס האבן זיך פּאַרנומין מיטן צושטעלן די שפּייזן. כְּדֵי צו האָבן געלט, מוז מין ווידער זיך פאַרנעמין מיט פּיל אַרביטן, וואָס זענין מענטשן נייטיק. פּיל מענטשן קומט אויס צו האריווין דערויף גינוג שווער און ביטער. צו אַרביטן ביי עפּיס דאַרף מין ערשט גיפונין ביי וואָס. דאָס קומט אויך אָן גינוג שווער. ווער ס־האט נישט

קיין אַרביט, ווער ס־פאַרדינט נישט קיין געלט, מוז לעבן פון נדבות, וואָס מענטשן געבן אים. דאָס אַפילו דאַרף אויך אָפּגליקן.

ה. די מענטשלעכע דערנערונג איז אַזוי אַרום אויס־געשטעלט אויף זייער פיל סכּנות. ווייל אַלץ מוז בּסדר זייער גוט אָפּגליקן, כּדי יעדער זאָל האָבן זיין נאַרונג. ווייל טאָמער פאַרהאַקט זיך וואו ס־איז, טאָמער גייט עס נישט וואו ס־איז אַזוי גלאַטיק, ליידן מיר שוין פונים מאַנגל אין שפּייז, קאָן חלילה אויסקומען איינצעלנע אדער גאַנצע מאַסים מענטשן צו הונגערן, האָבן שוין טייל נישט פון וואָס צו לעבן.

ו. אַ ייד ווייסט אבער, אַז אַלץ איז פון גאָט. ער ווייסט אַז מייסטנס פירט גאָט די וועלט גיבורי לויט דעם, ווי מ־פאַרדינט זיך מיט די מעשׂים. ער ווייסט, אַז די קיילעכדיקע הצלחה אין אַלים קומט פון גאָט. ער ווייסט, אַז אויב גאָט שטערט חלילה די הצלחה, אדער דערלאָזט די רשעים צו שטערן, איז עס נאָר צו שטראָפן מענטשן.

ז. צוליב דעם, וואָס מענטשן זענין הינטערשטעליק אין

זייערע מעשׂים, וואָס די פירונג זייערע איז נישט אַזוי גוט, איז די פֿאַרזאָרגונג יעדן איינעם מיט שפּייַז זייער שווער. ס׳איז שווער צוליב דעם משפּט, וואָס פֿאָדערט שפּייַז נאָר פֿאַר די גוטע. טייל, רשעים אַפֿילו, באַצאָלט דער אייבערשטער אויף דער וועלט גיבוי פֿאַר זייער ביסל גוטס מיט מער אָדער ווייניקער וואוילטאָג. זיי פֿאַרלירן דערפֿאַר דאָס גאַנצע אָדער פֿיל פֿונים שׂכר אויף יענער וועלט. מיט די אַנדערע גישעט אָבער נישט אַזוי. לויטן משפּט איז שווער זיי צו שפּייַזן.

ח. דער אייבערשטער ווענדיט אָבער אָן פֿאַר זיי פֿיל רחמים, ער ווייַזט זיי אַרויס גרויסע חסדים. יעדער איינער (אויסער דער, וואָס איז נישט זוכה צום חסד) באַקומט ווי ס׳איז די שפּייַז זייַנע. מ׳דאַרף דעריבער נאָך יעדן עסן דערקענען דעם באַשעפֿער פֿאַרן שפּייַזער פֿון דער גאַנצער וועלט. מ׳דאַרף אים דאַנקען און לויבן פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אונדז נישט פֿאַרפֿעלט קיין נאַרונג, וואָס ער האָט אונדז באַהאַנדלט מיט רחמים.

ט. דער עיקר דאַרף מען דעם לייב אויסדריקן נאָכן עסן מעל-גיבעקס, וואָס איז די וויכטיקסטע נאַרונג פאַרן מענטש, אין עטלעכע גרעסערע בּרָכות. די דאזיקע בּרָכות רופט מען: בּרְכּות הַמָזון — די שפּייַז-בּרָכות. אויף יידיש רופט מען זיי: בענטשן.

י. אינים בענטשן, ספּעציעל אין דער ערשטער בּרָכה, (וואָס מיר לערנען באַלד), דערציילן מיר גינויער, ווי אַזוי דער באַשעפער באַזאָרגט יעדן לעבּידיקן באַשעפעניש זיין שפּייַז, ווי ס'פאַרפעלט נישט קיינעם זיין באַדערפעניש, וואָסערע גרויסע חסָדים ער טוט דערבּיי.

יא. מיטן בענטשן הייליקט מען דאָס עסן. יעדער ייד, וואָס בענטשט מיט כּוָונה, דערפילט אַ גיוואַלטיקע דערהויבנקייט, אַ מְחַיה-דיקע זיסקייט. אַזוי ווי מיטן עסן ווערט גישטאַרקט דער קערפּער, אַזוי ווערט מיטן בענטשן גיהויבּן דער פאַרשטאַנד, גיאיידלט דער כאַראַקטער, באַפעסטיקט דאָס יידישקייט.

יב. אין דער ערשטער בּרָכה פונים בענטשן זאָגט מען:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם,
הַזָּן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ
בְּטוּבוֹ.
בְּחֵן, בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים
הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר,
כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ.
וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל תָּמִיד
לֹא חָסַר לָנוּ וְאַל יֶחְסַר לָנוּ
מָזוֹן לְעוֹלָם וָעֶד
בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל.
כִּי הוּא אֵל זָן
וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל
וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו
אֲשֶׁר בָּרָא,
כָּאָמוּר: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ
וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן:
בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ
הַזָּן אֶת הַכֹּל.

גילויבּט בּיזטו גאט. אונדזער גאט,
קיניג פון דער וועלט, וואָס שפּײַזט
די גאַנצע וועלט מיט זײַן גוטס.

מיט חֵן, מיט גנאָד און מיט רַחֲמִים
גיט עֶר בּרויט (נאַרונג) יעדן
לעֶבּידיקן באַשעפּיניש, ווײַל שטענ-
דיק איז זײַן גנאָד.

און נאר מיט זײַן גרויס גוטס
האט אונדז קײנמאָל נישט
אויסגיפעֶלט און ס־זאל אונדז
קײנמאָל נישט אויספעֶלן קײן
שפּײַז צוליבּ זיין גרויסן נאָמין.

ווײַל עֶר איז דער מעכטיקער, וואָס
שפּײַזט און באַזארגט אַלימין און
טײַלט צו אַלימין גוטס און גרײַט צו
שפּײַז פאַר אַלע זײַנע באַשעפּינישן,
וואָס עֶר האט באַשאַפן, ווי ס־איז
גיזאָגט: (דו) עפענסט דײַן האַנט
און (דו) מאַכסט זאַט יעֶדן
לעֶבּידיקן מיט צופרידנקײַט:
גילויבּט בּיזטו גאט, וואָס שפּײַזט
אַלימין.

לח.

סליחות.

א. וואס בעטער ס־קומט צו ראש השנה, דעם טאג פונים איבערשטנס משפט, אלץ שטארקער הייבט מען אן צו ציטערן. פונים איבערשטנס משפט איז דאך אלץ אפהענגיק: לעבן אדער טויט, גיזונט אדער קראנקייט, רייכקייט אדער ארימקייט, מעגלעכקייט צו גוטס אדער שטערונג, דערנענטערונג צו גאט אדער דערווייטערונג— פארוואס זאל מען נישט מורא האבן?

ב. אויב עמיצער האט אמאל א פראצעס אינים גיריכט, גייט ער ארום א צעטראגענער. וואס נעענטער ס־ווערט דער טאג, ווען מ־דארף באהאנדלען זיין שולד, אלץ מער טראכט ער וועגן דעם אויסגאנג פונים פראצעס. ער האט עפיס אנדערש נישט אין זינען. ער זוכט נאר עצות, קלערט נאר פלענער, ווי אזוי ארויסצוגיין א גירעכטער. פארוואס זאל א מענטש נישט ציטערן פארן איבערשטנס משפט?

ג. זענען טאקי יידן נאנט צו ראש השנה זייער פארזארגט.

אין די לעצטע טעג פונים חודש אלול, עטלעכע טעג פאר ראש השנה, הייבן זיך יידן אויף פארטאגס, (אדער ווייניקסטנס גאנץ פרי), גייען אין שול אריין און זאגן סליחות. דער טייטש פונים ווארט סליחות איז: תפילות, אין וועלכע מ־בעט ביים אייבערשטן, ער זאל אונדז מוחל זיין די זינד.

ד. אין טייל שטעט גייט דער שמש פון דער שול איבער אלע הייזער, ווען ס־איז נאך פינסטער, און וועקט אלע יידן אויפצושטיין צו סליחות. די שול ווערט ביסלעכווייז פול, די לאמפן ברענען און דער חזן מיט אלע פאר־זאמלטע יידן הייבן אן מיט א הארציקן ניגון צו זאגן סליחות. ס־איז אין די פרימארגן־שעה־ען, ווען די גידאנקען זענען ריין און ס־איז א מער באוויליקטע צייט צו בעטן. די הערצער ווערן צובראכן, די אויגן פארוויינט און די לופט פול מיט טיפע קרעכצן — מ־בעט ביים באשעפער א גוטע סליחה.

ה. דער לעצטער טאג פונים חודש אלול הייסט: ערב ראש השנה. אין די מערערע סליחות, וואס מ־זאגט דעמלט, איז דא דערונטער די סליחה, וואס הייבט זיך אן

מיט די ווערטער: זְכוֹר בְּרִית — גידענק אינים בונד מיט די אָבוֹת. מ־רופט דעריבער אויף די נאַכט, וואָס גייט צו עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה: זְכוֹר בְּרִית.

לט.

ראֹש הַשָּׁנָה.

דאָס נייַע יאָר.

א. ווי די תּוֹרה לערנט אונדז, ענדיקט זיך דאָס יאָר מיטן חוֹדש אֱלוּל. מיטן חודש תִּשְׁרִי הייבט זיך ווידער אָן אַ נײַ יאָר.

דער יום טוב ראֹש הַשָּׁנָה.

ב. לויט דער תּוֹרה מאַכן מיר די ערשטע צוויי טעג פונים חוֹדש תִּשְׁרִי פאַר אַ יום טוב. דעם יום טוב רופט מען: ראֹש הַשָּׁנָה — אָנהייב יאָר, ווייל ס־איז צום אָנהייב פונים נייַען יאָר.

דערמאַנונג און שופר־בלאָזן.

ג. אין דער תּוֹרה ווערט דער יום טוב באַצייכנט פאַר אַ טאָג פון דערמאַנונג, ווי אויך פאַר אַ טאָג פון שופר־בלאָזן. דער אייבערשטער מְשַׁפֵּט דעמלט די גאַנצע וועלט. ס־ווערן דעמלט דערמאַנט פאַר גאָט די מענטשן און די פעלקער, אַלע זייערע שלעכטע און גוטע מַעֲשִׂים. דער אייבערשטער דערמאַנט דעמלט אויך פאַר אונדזערטוועגן די גרויסע זכוּתים פון אונדזערע

הייליקע אָבות. ער דערמאַנט דעם צוזאָג, וואָס ער האט זיי גיגעבן, אַז דאָס יידישע פאלק וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין, אַז ער וועט זיי ברענגין דורך מְשִׁיח־ן די גאַנצע גְאוּלָה. אין די ראש הַשָׁנָה־דיקע תְּפִלּוֹת רופט מען דעריבער דעם יום טוב: יום הַזִכָּרוֹן — דער טאָג פון דערמאַנונג. אויך האט אונדז דער אייבערשטער גיגעבן אויף דעם יום טוב אַ ספעציעלע מְצווה, צו בלאָזען מיט אַ שופר אַ באַשטימטע צאָל קולות. דער יום־טוב הייסט דעריבער אין דער תּורה: יום תְּרוּעָה — אַ טאָג פון בלאָזן. אַ שופר איז אַן־אויסגיהוילטער הארן. דעם שופר אויף ראש הַשָׁנָה איז מער מְצווה צו נעמין פון אַ באַראַן.

יָמִים נוֹרָאִים.

ד. אַ ייד ווייסט זייער קלאָר, ווי ווייט ס־איז דער פַּחַד אין ראש הַשָׁנָה. ער ווייסט, אַז דאָס אייגינע לעבן, דאָס לעבן פון זיינע קינדער, פון זיינע נאָנטע, פון זיינע גוטע פריינט — שטייט אין סכָּנָה. ער ווייסט, אַז די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך צוליב דער אומזיכערקייט פאַרן געטלעכן מִשְׁפָּט, אַז אַלץ ציטערט און פלאַטערט פאַר גאָטס גירעכטיקייט. מ־רופט דעריבער ביי יידן די טעג: יָמִים נוֹרָאִים — פאָרכטיקע טעג.

דער יוֹם הַדִין.

ה. ראש הַשָׁנָה ווערט יעדער מענטש גימִשְׁפָּט, וואָס מיט אים זאָל שפעטער גישעען. וויפל ער זאָל פאַרדינין און וויפל ער זאָל שאַדן האָבן, וויפל ער זאָל האָבן באַקוועמלעכקייטן און וויפל צָרוֹת, וויפל ער זאָל האָבן מעגלעכקייטן צו גוטס און וויפל שטערונגין — אַלץ ווערט פאָראויס אויף אַ גאַנץ יאָר באַשטימט

אין ראש השנה פונים באשעפער. צוליב דעם רופט מין אויך ראש השנה: יום הדין — דער טאג פון משפט.

יידישע זכותים.

ז. כדי גיראטיוויט צו ווערן פונים שווערן משפט, וואס קומט פאר ראש השנה איבער דער גאנצער וועלט, דארף מין האבן גרויסע זכותים. מ׳דארף זיך דערויף שטארק פארדינין. דערמיט, וואס יידן טוען תשובה מיטן גאנצן הארץ; דערמיט, וואס זיי זענין מקיים די הייליקע מצווה פון שופר־בלאזן; דערמיט, וואס זיי שרעקן זיך אזוי שטארק פארן משפט; דערמיט, וואס זיי דאווינין אזוי ערליך די הייליקע ראש השנה־תפילות — פארדינין זיי זיך דערמאנט צו ווערן פונים אייבערשטן צום גוטן. צוליב זיי ווערט אויך די גאנצע וועלט צום גוטן דערמאנט.

בטחון.

ז. דעריבער טאר מין זיך נישט מייאש זיין, נישט אינגאנצן פאלן ביי זיך, נישט זיין צו פיל פארזארגט. מ׳דארף האבן בטחון. מ׳דארף זיכער זיין, אז אויב מ׳טוט תשובה מיטן גאנצן הארץ, איז דער באשעפער מוחל. דעריבער איז ראש השנה א יום טוב, נישט ווייניקער ווי אנדערע ימים טובים. מ׳טאר נישט זיין טרויעריק. מ׳דארף זיך צו אים צוגרייטן מיט שמחה. מ׳דארף זיך אפשערן, זיך אפוואשן, זיך אנטון שיינע קליידער, ווי פאר אלע אנדערע ימים טובים. מ׳עסט אויך ביינאכט און ביי טאג יום טוב־דיקע סעודות.

ערלעכע יידן אין ראש השנה.

ח. מיטן אנקום פון ראש השנה ווערן ערלעכע יידן פול מיט שרעק פארן אייבערשטנס משפט. מ'היט זיך ספעציעל אין די טעג נישט דורכצופאלן מיט א וואסער ס'איז זינד. דערנאך ווידער לייגט מען אריין אלע גידאנקען אינים זוכן עצות, ווי אזוי תשובה צו טון אויף אן־אמת. נאכן באמיען זיך גאנץ אלול און סליחות־טעג תשובה צו טון, פארלייגט מען זיך יעצט צו באפעסטיקן אין הארץ די פארגינומינע בעסערונג. מ'באמיט זיך אויך אומצוקוקן זיך מיט מער גינויאיקייט אויף דער גאנצער פירונג.

ראש השנה־דיקע תפילות.

ט. אין די תפילות פון ראש השנה בעטן מיר דער עיקר ביים אייבערשטן, אז די גאנצע וועלט זאל שוין גוט ווערן, אז אלע מענטשן זאלן שוין מיט אמאל דערזעען, ווי דער אייבערשטער קיניגט איבער דער וועלט; ווי ס'גישעט נאר דאס וואס ער וויל, אדער וואס ער דערלאזט, נישט עפיס אנדערש; ווי אלץ איז נאר, צו געבן שכר אויף יענער וועלט פאר די וואס פארדינען זיך דערויף.

מ'בעט, אז אלע זאלן שוין איבערגינומען ווערן מיט דער מורא פאר גאט, און צוזאמינעמען זיך ווי איין מענטש, צו טון מיטן גאנצן הארץ וואס דער אייבערשטער פארלאנגט.

מ'בעט אויך, אז דאס יידישע פאלק און אלע ערלעכע יידן זאלן דערהויבן ווערן, ארץ ישראל זאל אויפגיריכט ווערן און משיח זאל אלע יידן אהין צוזאמינעמען.

מ'בעט, אז דאס גאנצע שלעכטס פון דער וועלט זאל מיט אמאל

פאַרשווינדן, ס־זאָל דערפון גאָר נישט בלײַבן, ס־זאָל שוין מְקוּיים ווערן, וואָס דער אײַבערשטער האט צוגיזאָגט דורך די נְבִיאִים.

מ־בעט אויך, אַז דער אײַבערשטער זאָל שענקין אונדז און אַלע יידן לעבן און גיזונט, מְנוּחה און לײַכטע פַּרנָסה, כְּדֵי צו קאָנין מְקַיֵים זײַן די תּוֹרה מיט די מִצוות. מ־בעט, אַז דער אײַבערשטער זאָל אונדז פאַרשרײַבן צו אַ גוט יאָר מיט כל טוב. א)

לְשָנה־טובה־וואונטשן.

י. אײַן ייד דעם אַנדערן דאַרף זײַער שטאַרק ליב האָבן. מ־דאַרף אִים ווינטשן אַלדאָס גוטס, ווי זיך אַלײַן. אַלע ערלעכע יידן דאַרפן זיך פילן, ווי אײַנס. דעריבער ווינטשט מין זיך ספּעציעל ראש השָנה בײַנאַכט. זאָגנדיק צו אײַגינע און באַקאַנטע, נאָכן

באַמערקונג

א) אבער נישט אַלץ, וואָס מִיר מײַנין, אַז ס־גישעט אונדז צום גוטן, אדער חָלִילה צום שלעכטן, איז בְּאֶמֶת אַזוי. פִיל מאָל איז גראָד פאַרקערט. דאָ, אויף דער וועלט, באַשטראָפט מין דעם צַדיק פאַר זײַן קלײַן ביסל זינד, כְּדֵי ער זאָל קומין אויף יענער וועלט אינגאַנצן רײַן, אָן זינד. דעם רָשָע ווידער באַלוינט מין אויף דער וועלט פאַר זײַן קלײַן ביסל גוטס, כְּדֵי אִים זאָל שוין נישט בלײַבן קײַן שום זְכוּת אויף יענער וועלט. ס־קומט אַזוי אַנאָך אויס, אַז אויב דער רָשָע טוט נישט תְּשוּבה, איז אִים דאָס גליק, וואָס ער האט דאָ, צום שלעכטן. דאָס אומגליק ווידער פונים צַדיק, אויב ער הערט נישט אויף גוטס צו טון, איז גאָר צום גוטן.

אויב מ־טוט אבער אֶמֶת־דיק תְּשוּבה, קאָן מין האָפן, גימִשפּט צו ווערן מיט קײַלעכדיק גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. ווײַל מ־באַגײַט זיך מיט אִים פונים הימל מיט רַחֲמִים. מ־איז אִים מוחל אָן שטראָף, אדער מיט לײַכטער אָפּקומיניש, אַלע זײַנע זינד. מ־בעט דעריבער זײַער שטאַרק אויף אויף דעם, מ־זאָל זיך מיט אונדז אומגײַן מיט נישט קײַן שטרענגין מִשפּט, נאָר מיט גרויס רַחֲמִים.

דאַווינין, גוט יום־טוב, ווינטשט מין זיי אויך צו זייער האַרציק אַ גוט יאָר. אַ האַרציקע בְּרָכָה האָט זייער אַ גרויסן ווערט. אויב מ־בענטשט אַן־ערלעכן ייִד, ווערט מין אַליין פונים הימל גיבענטשט. ס־איז אַ נַחַת צו זעען, ווי אַזוי יידן ווייזן אַרויס דעמלט ליבשאַפט און גוטהאַרציקייט, ווי מ־ווינטשט זיך, דריקנדיק זיך די הענט, מיט די ווערטער:

לְשָׁנָה טוֹבָה	צו אַ גוט יאָר זאָלסטו באַלד
תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם	פאַרשריבן און גיחתמיט ווערן
לְאַלְתֵּר לְחַיִּים טוֹבִים!	און צו אַ גוט לעבן!

צו אַ פרוי זאָגט מין:

לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבִי וְתֵחָתֵמִי לְאַלְתֵּר לְחַיִּים טוֹבִים!

ווען דער טאַטישי קומט אַהיים פון שול, דאַרף אים יעדיס קינד ווינטשן לְשָׁנָה טוֹבָה, אַזוי אויך דער מאַמישי און יעדן איינים פונים הויז־גיזונט.

יא. פיל שיקן אויך פאַר ראש הַשָּׁנה שריפטלעכע וואונטשן צו נאָנטע און באַקאַנטע, וואָס מ־טרעפט זיך נישט מיט זיי ראש הַשָּׁנה. מ־ווייזט זיי דערמיט אַרויס פריינטשאַפט און גיטריישאַפט. מ־פאַרשאַפט זיי דערמיט אַ נַחַת רוּחַ. דאָס איז פון די גרויסע מִצוות.

סִמָנים אויף אַ גוט יאָר.

יב. ראש הַשָּׁנה ביינאַכט טינקט מין איין די חַלה, איבער וואָס מ־מאַכט הַמוֹציא, אין האָניק, פאַר אַ סימן, אַז ס־וועט זיין אַ זיס יאָר. צוליב דעם איז אויך אַ מִנהג, מ־זאָל עסן דערנאָך ביי דער סְעוּדה זיסע עפּל איינגיטינקט אין האָניק. נאָכן מאַכן

אַ בורא פרי העץ איבערן עפּל עסט מען אים אײַנגעטינקט אין האניק. דערנאָך זאָגט מען:

יהי רצון שתחדש עלינו — זאָל באַוויליקט זײַן, אַז דו זאָלסט אונדז

שנה טובה ומתוקה. — באַנײַען אַ גוט און אַ זיס יאָר.

מ׳עסט אויך מײַערן, זאָגנדיק דערבײַ:

יהי רצון שירבו — זאָל באַוויליקט זײַן, (פונים אייבערשטן)

זכיותינו. — ס׳זאָלן זיך מערן אונדזערע זכותים.

מ׳עסט אויך פאַר אַ גוטן סימן אַ קאָפּ פון אַ שעפּסל, אָדער אַ פיש, מ׳זאָל זײַן דערהויבן בײַ די פעלקער.

דאַווענען און שופר-בלאָזן.

יג. ביידע טעג ראש השנה פאַרזאַמלען זיך ייִדן אין שול גאַנץ פרי. מ׳דאַוונט ביז נאָכן האַלבן טאָג. מ׳בעט דעם באַשעפער, ער זאָל אונדז נישט שטראָפן לויט אונדזערע מעשים, ער זאָל אונדז אַלץ מוחל זײַן און אָנשרײַבן אַ גוט יאָר. מ׳דאַוונט זײער ערנסט און מיט גרויס כּוונה. אין מיטן דאַווענען בלאָזט מען עטלעכע מאָל שופר. ביידע טעג גייען אַפילו קינדער הערן שופר-בלאָזן אין שול אַרײַן. ס׳איז זײער אַ גרויסע מצווה. בשעת מ׳בלאָזט, שטייען אַלע ייִדן און הערן מיט גרויס כּוונה. ווי נאָר מ׳הערט די ברכה, טאָר מען נישט אויסרעדן, ביז מ׳ענדיקט צו בלאָזן. אויב איין טאָג ראש השנה איז שבת, בלאָזט מען נאָר אינים וואָכנדיקן טאָג. ראש השנה בײַטאָג, נאָכן עסן לייגט מען זיך נישט שלאָפן. מ׳גייט ווידער לערנען, אָדער תהילים זאָגן.

תשליך.

יד. דעם ערשטן טאָג ראש השנה פאַרנאַכט איז אַ מנהג, אַז

דערוואַקסינע מענטשן גייען צו אַ טייך און מ־זאָגט דארט עטלעכע פסוקים פון די נביאים. מ־בעט דעם איבערשטן, ער זאָל זיך באַגיין מיט אונדז מיט רחמים און אינגאַנצן צונישט מאַכן אונדזערע זינד. מ־זאָגט עס ביים טייך צוליב אַ סימן. אַזוי ווי אַ זאַך, וואָס פאַרזינקט אין די טיפענישן פון וואַסער, זאָלן אויך אונדזערע זינד צונישט ווערן. דאָס זאָגט מען אין די רייד פון די נביאים, וואו ס־געפינט זיך דאָס ווארט: תשליך.

שהחינו.

טו. אַזוי גוט, ווי מ־מאַכט איבער אַ ניי אויפגעקומענע פרי, ווי אויך איבער אַ ניי און חשוב מלבוש, די ברכה שהחיינו, אַזוי מאַכט מען יעדן יום־טוב ביים קידוש די זעלבע ברכה. פרויען מאַכן נאָך די ברכה ביים ליכט־צינדן. מ־לויבט דערמיט דעם באַשעפער, דערלעבנדיק דעם געבענקטן און ליבן יום־טוב, וואָס קומט צו אונדז ווידער נאָך אַ גאַנץ יאָר צייט. צוליבן זעלבן טעם מאַכט מען אַ שהחיינו ביי אַ מצווה, וואָס קומט נאָר אויס איינמאָל אין יאָר.

טז. די ערשטע נאַכט ראש השנה מאַכט מען ביים קידוש (פרויען ביים ליכט־צינדן) אַ שהחיינו, ווי אַלע ימים טובים. דעם אַנדערן טאָג איז אַן־אויסנאַם. כאָטש די אַנדערע נאַכט פון יעדן יום־טוב מאַכט מען די זעלבע שהחיינו, דאַרף מען אבער די אַנדערע נאַכט ראש השנה צו האָבן ביים קידוש אויף אַ נייע פרי, וואָס מ־האט נאָך אין דעם יאָר נישט געגעסן, אדער אַ ניי חשוב מלבוש, וואָס מ־האט נאָך ביז יעצט נישט געטראָגן, כדי צו קענען מאַכן די ברכה: שהחיינו.

מ.

יום כיפור.

א. ווי מ׳האט שוין גילערנט, ווערן די זינד אינגאַנצן אָפּגיווישט דורך תּשובה, אבער נישט אַלערלייי זינד ווערן באַלד אָפּגיווישט. ס׳זענין דאָ זינד, וואָס נאָכן תּשובה טון בלייבט נאָך איבער עפּיס. האט דער אייבערשטער באַשטימט אַ טאָג אינים יאָר, וואָס ער האט אונדז גיהייסן מאַכן פאַר אַ יום טוב און דעמלט שענקט דער אייבערשטער אינגאַנצן. דעמלט מעקט ער אָפּ דעם לעצטן צייכן פון דער באַגאַנגינער זינד. די ווירקונג פון דער תּשובה ווערט דעמלט פול. דער דאזיקער טאָג איז דער צענטער תּשרי. ער הייסט: יום הכּיפּורים, אדער: יום כּיפּור — דער טאָג פון פאַרגעבן, פון אָפּווישן. אין דעם טאָג ווערן די זינד פון די בעלי תּשובה אָפּגיווישט; זיי ווערן פון זייערע פעלער אויסגיהיילט; זיי ווערן ווי ניי־גיבוירינע מענטשן. זיי באַקומין צוריק די פריערדיקע ריינקייט, די פאַרלוירינע הייליקייט. זיי קאנין אויפסנייי אומגישטערט דערפילן גאטס פאַרלאַנגין.

ב. יום כּיפּור איז דער הייליקסטער טאָג פונים יאָר. מ׳רופט אים דעריבער אויך: יום הקדוש. מיט גרויס בענקיניש וואַרטן אַלע יידן אויף יום כּיפּור. ווייל יעדער ייד, אַפילו דער ערלעכסטער פאַלט אַ מאָל אַ דורך, טוט אַ מאָל אומגערן עפּיס נישט ריכטיקס. ווען נישט יום כּיפּור, וואָס די זינד ווערן דעמלט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגימעקט, וואלט די וועלט זיך נישט גיקאנט האַלטן. ווייל מיט אונדזערע זינד טוט מין נישט בלויז זיך אַליין, נאר מ׳שעדיקט אויך די גאַנצע וועלט. נאָך יאָרן זינדיקן וואלט די

וועלט גימוזט אונטערגייִן. דורכן יום כּיפּור ווערט זי אבער צוריקגישטעלט צום גוטן. מ־באַקומט צוריק די מעגלעכקייט צו אַרביטן אויף גוטע מַעלות.

עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

ג. תְּשׁוּבה קאַן מין בֶּאֱמֶת טון אין איין מינוט. ווי נאר מ־דערזעט די שלעכטקייט פון די מַעֲשׂים, ווי נאר מ־באַדויערט די ביז־יעצטיקע פירונג, ווי נאר מ־באַשליסט מער אַזוי נישט צו טון, האט מין בֶּאֱמֶת שוין תְּשׁוּבה גיטון. דאָס קאַן אבער לאַנג נישט אָנהאַלטן. מ־ווייס נאך פּאַרט נישט באַלד, ווי ווייט מ־דאַרף זיך אויסבעסערן. מ־דאַרף זיך ערשט אַרומקוקן אויף יעדן שריט, צי מ־איז נישט אַמאָל איינגיוואוינט דערבייַ אין שלעכטס. דאָס אָפּגיוויינין זיך פון שלעכטע מַעֲשׂים, פון שלעכטע רייד, פון שלעכטע גיפילן דאַרף זייער לאַנג דויערן. אַזוי דאַרף מין אויך זייער פיל אַרביטן, כְּדֵי זיך אייַנצוגיוויינין אין די גוטע מַעֲשׂים. אֲפִילוּ ווען מ־האט שוין בייַ זיך פעסט גיפוּעלט מער דאָס שלעכטע נישט צו טון; אֲפִילוּ ווען מ־האט שוין באַקומין גאָר שטאַרקן חֵשֶׁק אָנצוהייבן זיך פירן ווי ס־גיהער צו זייַן — דאַרף מין זיך ערשט אויספּרואוון, צי מ־קאַן אויסהאַלטן, צי מ־פאַרגעסט זיך נישט, צי מ־ווערט נישט אָפּגישוואַכט אין דער תְּשׁוּבה. מ־דאַרף זיך אויספּרואוון, כְּדֵי באַלד צו פאַריכטן, כְּדֵי באַלד זיך צו באַפעסטיקן, כְּדֵי זיך צוריקצושטעלן צו אֱמֶת־ער תְּשׁוּבה.

ד. די צען טעג פון ראש הַשָּׁנה ביז יום כּיפּור זענין די לעצטע טעג פון תְּשׁוּבה. ווער ס־האט גוט גיפּוּעלט בייַ זיך צו בעסערן

די פירונג זינט דעם אָנהייב פונים חודש אֶלול, דאַרף יעצט פאַרענדיקן די גאַנצע גינויע אַרבּיט פון זײַן תּשובה מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. ווער ס'האט ווידער פאַרשפּעטיקט און ביז יעצט נאָך גאָר נישט גיטון דערצו, קאָן יעצט, אין די לעצטע צען טעג, ביז יום כּיפּור פאַרנאַכט רעכט תּשובה טון. ער וועט זיך אבער מוזן דעמלט אונטערנעמין די גינויערע תּשובה־אַרבּיט דורכצופירן נאָך יום כּיפּור. מ'רופט דעריבער די צען טעג פון תּשרי: עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה — די צען תּשובה־טעג.

ה. דער געטלעכער מִשְׁפָּט איבער דער גאַנצער וועלט ווערט אין ראש השנה נישט פאַרענדיקט. וואָס מ'זאָגט דעמלט אינים הימל, איז ווי אַן אָנגעשריבּן כְּתָב, ס'פעלט נאָך דערצו דער זיגל. מ'דאַרף עס ערשט, ווי מ'וואלט גיזאָגט: חַתְמִינֶען. די חֲתִימָה פונים כְּתָב קומט ערשט פאַר יום כּיפּור, וואָס הייסט אויך יום הַדִּין — דער טאָג פון מִשְׁפָּט. אויב צווישן ראש השנה און יום כּיפּור קומט פאַר אַן ענדערונג אין דער פירונג, ווערט אויך דער מִשְׁפָּט גיענדערט. ביז די לעצטע מינוט, ביז יום כּיפּור פאַרנאַכט, ביז נאָך דער תְּפִלָּה נְעִילָה, ווען ס'ווערט אָפּגישלאָסן דער מִשְׁפָּט, קאָן מין נאָך אַלץ אויספּועלן אַן ענדערונג צום גוטן. דעריבער הייסן אויך די גאַנצע צען טעג פון ראש השנה ביז איבער יום כּיפּור: יָמִים נוֹרָאִים — פאָרכטיקע טעג, צוליב דער גרויסער מוֹרָא פאַרן אייבערשטנס מִשְׁפָּט.

ו. די זיבן טעג, וואָס זענען צווישן ראש השנה און יום כּיפּור, אויסער שַׁבָּת, שטייט מין אויף יעדן טאָג גאַנץ פרי און מ'זאָגט סְלִיחוֹת ווי פאַר ראש השנה. דעם שַׁבָּת אינמיטן רופט מין: שַׁבָּת תְּשׁוּבָה (אדער: שׁוּבָה), ווײַל מ'לייענט דעמלט פון די

נביאים וועגן תּשובה, וואָס הייבט זיך אָן מיטן וואָרט: שובָה.

ז. אין די צען טעג דאַרף מען זיך ספּעציעל פירן בעסער ווי אַ גאַנץ יאָר. אַפילו ווען מ־קאָן אַ גאַנץ יאָר נישט אַזוי שטאַרק זיך באַמיִען אין דעם אָדער אין יענים, דאַרף מען זיך באַזונדערס אָנשטרענגען דערויף אין די עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה. מ־דאַרף זיך אומגיין מיט יעדן, אַפילו מיט אַ בַּעַל חַי, שטאַרק רַחֲמָנוּת־דיק. מ־דאַרף זיך זייער היטן נישט אין כַּעַס צו ווערן. מ־דאַרף זיך מיט אַלע כּוחות איינהאַלטן נישט צו האָבן אַפילו בלויז אַ פאַרדרוס אין האַרץ אויף אַ ייד. ווען עמיצער טוט אַן עַוְלָה קעגן אונדז, דאַרף מען אים באַלד מוחל זיין. דאָס אַלץ איז, כְּדֵי זיך צו פאַרדינען, מ־זאָל זיך מיט אונדז, ווי מיט אַלע יידן באַגיין מיט וואָס מער רַחֲמִים.

איבערבעטן.

ח. יום כּיפּור איז דער אייבערשטער מוחל, אויב מ־טוט תְּשׁוּבָה, נאָר די זינד, וואָס מ־איז נישט באַגאַנגען קעגן מענטשן. אויב מ־האָט אָבער געזינדיקט ספּעציעל קעגן מענטשן, ווי לְמָשָׁל: אויב מ־האָט עמיצן באַשווינדלט, באַליידיקט, באַרעדט, געשאָדנט, פאַרשאַפט צַעַר אָדער גאָר געשלאָגן — איז דער אייבערשטער נישט מוחל, סיידן מ־בעט יענעם פריִער איבער און יענער איז מוחל.

ט. מ־בעט דעריבער איבער עֶרֶב יום כּיפּור יעדן איינעם, וואָס מ־האָט נאָר אַן עַוולה געטון, מ־באַמיט זיך אויך צו דערמאָנען, צי מ־האָט נישט אַ מאָל פאַרגעסן, אויב מ־האָט עמיצן אַן עַוולה

ג'טון. ס'איז דעריבער זייער גלייך, צי מ'גידענקט יא, צי נישט איבערצובעטן אַלע נאָנטע, ווייל טאמער האט מען פאַרגעסן די עוולה, וואָס מ'האט זיי גיטון. איבערבעטן מוז מען אַפילו גיין צו יענים אין שטוב. אויב מ'טרעפט אים נישט, דאַרף מען אים אויפזוכן. דער, וואָס מ'בעט אים איבער, דאַרף מוחל זיין. ס'איז אַ גרויסע מצווה. דער, וואָס וויל בשום אופן נישט מוחל זיין איז אַן־אַכזר, האט נישט קיין יידיש האַרץ. אויב מ'בעט דעם אייבערשטן, ער זאָל אונדז די זינד מוחל זיין, דאַרפן מיר דאך יענימס עוולות קייגן אונדז אַ וודאי מוחל זיין.

כפרות־שלאָגן.

י. פאַר יום כיפור איז אַ מנהג ביי יידן צו שלאָגן כפרות. אַ מאַנספערשוין נעמט אַ האָן און אַ פרוי — אַ הון, אדער אַ פיש. מ'בעט דערביי, אַז אויב ס'איז באַשערט גיוועזן עפיס שלעכטס, זאָל דאָס עוף זיין אַ כפרה — אַן־אויסלייזונג פאַרן מענטש. דאָס פלייש אדער דאָס געלט, וואָס ס'איז ווערט, פאַרטיילט מען אָרימע לייט. די קישקעלעך וואַרפט מען אַרויס. ווייל די עופות כאַפּן אַ מאָל אַ קערנדל פון פרעמדער תבואה. דערמיט דערמאָנט מען זיך, ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן פון צו צונעמען פרעמדס.

ערב יום כיפור־דיקע סעודות.

יא. יום כיפור איז דער הייליקסטער יום טוב פון אַלע ימים טובים. יידן פרייען זיך מיט אים זייער. ווייל ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע שמחה ווי ריין צו ווערן פון זינד, ווייל אין דעם טאָג שענקט אונדז דער אייבערשטער אַ גרויסע הייליקייט. אין

יום כּיפּור האט אונדז אבער דער איבערשטער גיהייסן פאַסטן און צוריקהאַלטן זיך פון אַלע באַקוועמלעכקייטן. דערפאַר האט מען אונדז ערב יום כּיפּור גיהייסן עסן און טרינקען צוליב דעם אָנקום פון יום כּיפּור. מ'האט אויך דורך דעם כּוח צו פאַסטן און פאַרענדיקן די תּשובה. יעדנפאַלס איז צוליב דעם, ווי צוליב פיל אַנדערע טעמים, וואָס מ'ווייסט נישט, ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות, זייער אַ גרויסע מצווה צו עסן און טרינקען ערב יום כּיפּור. דער איבערשטער פאַרעכנט אונדז אַפילו דאָס עסן ערב יום כּיפּור ווי מ'וואלט גיפאַסט, דאָס הייסט: ווי מיר וואלטן גיפאַסט ביידע טעג, ערב יום כּיפּור און יום כּיפּור, ווייל די מצווה, וואָס מ'האט דורך צער, ווי למשל דורך פאַסטן, איז גרעסער ווי אַ מצווה, וואָס מ'האט דורך פאַרגעניגן, ווי למשל דורך עסן. גיוויינטלעך עסט מען צוויי סעודות ערב יום כּיפּור — איינע אינדערפרי און די צווייטע פאַרנאַכט.

דאָס בענטשן די קינדער.

יב. איידער מ'גייט צום דאַווענען, ערב יום כּיפּור ביינאַכט, בענטשן די עלטערן זייערע קינדער. מ'לייגט אַרויף די הענט אויף די קינדערס קעפּלעך, בענטשנדיק זיי, זיי זאָלן האָבן אַ גוט יאָר, דערלעבן כּל טוב, זיך גרינג און גוט דערציִען, צו קאָנען אָפּהיטן די תּורה און מקיים זיין די מצוות, וואָס דער איבערשטער האט גיבאָטן.

וואָס מ'טאָר נישט טון אין יום כּיפּור.

יג. יום כּיפּור האט די תּורה גיהייסן פאַסטן פון נאַכט ביז נאַכט,

ווי אויך זיך צוריק האַלטן פון עטלעכע באַקוועמלעכקייטן, וואָס דערונטער זענען דאָס נישט אָנטון קיין שיך פון לעדער, (אַפּילו, ווען בלויז אַ טייל איז פון לעדער) דאָס נישט וואַשן זיך און דאָס נישט שמירן זיך. מ'הערט אויף צו עסן 10 מינוט פאַר זון־אונטערגאַנג, ווי ערב שבת צו ליכט־צינדן. עסן מעג מען ערשט אויף צומאָרגנס ביינאַכט ווי מוצאי שבת, ווען מ'צינד אָן אַ ליכט. יום כּיפּור ביינאַכט עסן נישט אַפּילו קליינע קינדער. פּונקט, ווי שבת, טאָר מען אין יום כּיפּור נישט טון קיין שום מלאכה. מ'טאָר אַזוי אויך נישט האַלטן קיין שום מוקצה זאַכן ווי שבת.

קינדערס תּפילות.

יד. אין די ימים נוראים — ראש השנה און יום כּיפּור — בעטן אויך ייִדישע קינדער ביים אייבערשטן, ער זאָל שענקען די עלטערן אַ גוט יאָר, ער זאָל דערפילן אַלע זייערע גוטע פאַרלאַנגען. די קינדער טוען אויך אין די דאָזיקע טעג תּשובה. זיי נעמען אויף זיך אַ גאַנץ יאָר גוט צו זיין. ווען דער אייבערשטער זעט, ווי די קינדער זענען גוט, פאַררעכנט ער דאָס, ווי אַ זכות פאַר די עלטערן. ווייל זיי האָבן אויסגיהאָדעוועט אַזעלכע גוטע קינדער, איז ער זיי מוחל די זינד.

דער יום־כּיפּור־דיקער טאָג.

טו. ביינאַכט און אַ גאַנצן טאָג דאַוונט מען אין שול. מ'רעכנט אויס ביים דאַווענען די זינד, וואָס מ'האָט געטון. מ'בעט ביים אייבערשטן, ער זאָל אַלץ מוחל זיין; ער זאָל חתמענען אַ גוט יאָר מיט געזונט, מיט פּרנסה, מיט אַ ישועה פאַר אַלע ייִדן און מ'זאָל

זוכה זײַן צו טון בלויז גוטס. ווי נאָר ס׳וואָרט רעכט נאַכט, הייסט שוין מוצאי יום כּיפּור — אויס יום כּיפּור. מ׳גייט אַהיים בּשׂמחה, זייענדיק זיכער, אַז דער אייבערשטער האָט אונדז געשענקט אַ גוט יאָר. מ׳מאַכט הבדלה, ווי שבּת צונאַכטס. מ׳עסט אַ סעודה, ווי יום טוב, צוליב דער גרויסער פרייד פון דער מחילה איבער די זינד.

מא.

סוכּות.

ניין טעג יום טוב.

א. דעם פופצנטן תּשרי מאַכן מיר לויט דער תּורה גאַנצע ניין טעג יום טוב. דערפון מאַכן מיר, ווי ביי פּסח, די ערשטע און די לעצטע צוויי טעג יום טוב, די מיטלסטע פינף טעג ווידער — אַ האַלבן יום טוב. דעם האַלבן יום טוב פון די פינף טעג רופט מען: חול המועד — וואָכנדיקע טעג פון יום טוב?

ב. די ניין טעג יום טוב טיילן זיך אין צוויי באַזונדערע ימים טובים. זיבן טעג האָבן מיר סוכּות און צוויי טעג דעם יום טוב שמיני עצרת. די גאַנצע ניין טעג ווערן אין די יום טובֿדיקע תּפילות אָנגערופן: זמן שׂמחתנו — די צייט פון אונדזער פרייד.

זמן שׂמחתנו.

ג. אין ארץ ישׂראל, ווען ס׳בּית המקדש איז געשטאַנען, פלעגט מען אין די טעג זיך אָן אַ שיעור פרייען. אַזוי הייסט אונדז די תּורה זיך פרייען אין די דריי ימים טובים: פּסח, שבועות און סוכּות. מ׳דאַרף זיך פרייען מיטן אָנדענק פונעם יום טוב און

מיט זײַנע הײליקע מִצוות. מ־דאַרף זיך בִּכְלל אויך פרײען דערמיט, וואָס מיר זענען ייִדן, וואָס מיר האבן די הײליקע תּורה און וואָס מ־קאָן זיך דערדינען צום אײביקן גוטס פּונים עולם הַבָּא.

ז. אין די יָמים טובים פון סוכּות און שְׁמִינִי עֲצֶרֶת פאדערט אבער די תּורה צו זײַן באַזונדערס שטאַרק פרײלעך. ס־איז אויך נאָך יום כִּיפּור. ערלעכע ייִדן פילן זיך דעמלט ווי נײַ גיבוירן. מ־נעמט זיך מיט פיל לעבידיקײט און פרישקײט צו אַ נײַ אָפּגיהיטן און הײליק לעבן. אויך הײַנט אין גָלות זעען ערלעכע ייִדן זיך שטאַרק מְשַׂמֵחַ צו זײַן. מ־פרײט זיך אַלײן, אדער צוזאַמען מיט נאָך ייִדן.

דער צײכן פון סוכּות.

ה. מ־רופט די זיבן טעג חַג הַסוכּות — דער יום טוב פון די בײדלעך, ווײל דער אײבערשטער האט אונדז גיהײסן די טעג וואוינען אין סוכּות. דאָס איז צום אָנדענק פון דער צײַט, ווען מ־איז אַרויסגיגאַנגען פון מִצְרַיִם. וואַנדערנדיק פערציק יאָר אין דער מִדְבָּר, נאָכן אַרויסגײן פון מִצְרַיִם, זענען אַלע ייִדן גיזעסן אין בײדלעך, וואו מ־איז גיווען אָן שום שוץ פאַר די ווילדע חַיות ווי פאַר די אַרומיקע פעלקער. זײ זענען אבער פארט דעמלט גיזעסן רואיק און גילערנט תּורה, ווײל גאָט האט זײ גישיצט.

ו. דעם גאַנצן לאַגער, וואו די ייִדן האבן נאָר גירוט, האט דער אײבערשטער אַרומגינומען מיט וואָלקנס. קײנער האט נישט גיקאָנט צו זײ צוקומען. דאָס האט פאַרשאַפט די ייִדן פיל כָּבוד בײ די אַרומיקע פעלקער. זײ האבן אַלײן גיזעען, ווי די ייִדן ווערן — אַנדערש פון דער גאַנצער וועלט — גיפירט מיט נִסים.

ז. די מִצווה פון סוכּה איז אַ צײכן פאַר ייִדן אויף אײביק, אַז דער אײבערשטער שיצט אונדז שטענדיק. ווען מיר זענען אֲפילוּ אויסגישטעלט אויף אַלערלײ סַכָּנות, ווען ס־פעלט אונדז אֲפילוּ יעדע גיוויינטלעכע שוץ — דערהאַלט ער אונדז. אֲפילוּ ווען מיר

זענין קיין אפינע נסים — וואָס יעדער דערזעט זיי — נישט ווערט, העלפט ער אונדז דורך באַהאַלטינע וועגן. צייטנווייז גישעט אונדז אַזעלכע שרעקלעכע צרות, וואָס אונדז דאַכט זיך, אַז מיר גייען חלילה אונטער. דעמלט ווירקט גאָטס צוזאָג, אונדז אייביק צו דערהאַלטן. דעמלט דערלאָזט נישט דער אייבערשטער, מיר זאָלן צו שטאַרק פאַלן. דערמיט, וואָס מיר זענין מקיים די מצווה פון סוכּה, פאַרדינין מיר זיך יעדיס יאָר אַ פאַרשטאַרקונג פונים אייבערשטנס שוץ.

די מצווה פון סוכּה.

ח. די מצווה פון וואוינין אין סוכּה זענין מיר מקיים מיט עסן אין סוכּה. ערלעכע יידן, וואָס האָבן אַ גרויסע און וואַרימע סוכּה, שלאָפן אויך אין סוכּה. אַזעלכע יידן זיצן בכלל וואָס מער אין סוכּה, שטאָט אין שטוב. דאָרט לערנין זיי, דאָרט שמועסן זיי מיט מענטשן.

ט. פרויען זענין פּטור פון דער מצווה צו זיצן אין סוכּה. ווען מ׳־האָט נישט קיין סוכּה פאַר זיך אַליין, נאָר בשותּפות מיט אַנדערע שכנים, זיצן דעריבער נישט די פרויען אין סוכּה. זיי האָבן אבער אַ חלק אין דער מצווה דערמיט, וואָס זיי דערלאַנגין עסן אין דער סוכּה אַריין. זיי גיבן אויך זייער צושטייער צו דער מצווה דערמיט, וואָס זיי באַצירן די ווענט פון דער סוכּה. זיי ווייזן דערמיט אַרויס, ווי ווייט זיי האָבן ליב דעם אייבערשטנס מצוות, ווי ווייט זיי זענין זיי מכבּד.

י. די ווענט פון דער סוכּה קען מין מאַכן פון וואָסער מאַטעריאַל מ׳־וויל נאָר. אפילו אינים הויז, וואו מ׳־וואוינט אַ גאַנץ יאָר, קען מין מאַכן אַ סוכּה. דער עיקר איז נאָר דער צודעק אין דער הייך. דאָס דאַרף זיין פון אָפּגיריסינע צווייגלעך אדער אַנדערע גיוויקסן. מ׳־רופט עס: סכך.

די סוכּה דאַרף מען נישט צודעקן צו גידיכט. אַ שטאַרקערער רעגן דאַרף קאָנען דורכגייִן. אויך דאַרף מען נישט צודעקן צו שיטער. ס'דאַרף אין דער סוכּה זייַן מער שאָטן ווי זון.

יא. בשעת ס'רעגנט אַרייַן אין עסן דאַרף מען נישט זיצן אין סוכּה. דעמלט קאָן מען עסן אין שטוב. מ'אייַלט זיך אָבער נישט באַלד אַרויסצוגייִן פון סוכּה. פאַרלאָזנדיק די סוכּה, באַדויערט מען זייער, וואָס מ'האָט נישט די זכיה מקיים צו זייַן די מצווה.

אֶתרוג-בענטשן.

יב. אינים יום טוב סוכּות האָט אונדז דער אייבערשטער גיגעבן נאָך אַ הייליקע מצווה. מ'רופט זי אין ייִדיש: אֶתרוג־בענטשן, אין לשון־קודש: אַרבּעה מינים - פיר מינים. די מצווה באַשטייט אינים נעמען איין מאָל אין טאָג אין די הענט אַרייַן די פיר מינים, וואָס מיר רעכינען ווייַטער אויס. ס'איז אויך אַ מצווה מיט זיי איין מאָל צו שאָקלען, אָדער, ווי ס'טוען די מאַנספּערשוינען, צו שאָקלען מיט זיי קיין אַלע פיר זייַטן פון דער וועלט, ווי אויך קעגן הימל און דער ערד. אַזוי טוט מען גאַנצע זיבן טעג.

יג. צו די פיר מינים נעמט מען אַ פרוכט, וואָס הייסט: אֶתרוג. זי וואַקסט אין די וואַרימע לענדער. מ'נעמט אויך אַ צווייַג פון אַ פאַלמין־בוים (ס'הייסט אַ טייטלבוים), וואָס מ'רופט: לולב. צו דעם נעמט מען ווידער דרייַ ריטלעך, וואָס מ'רופט: הֲדַסים, און צוויי ריטלעך, וואָס הייסן: עֲרָבות. מ'בינדט צוזאַמען מיט אַ לולב־ריטל דעם לולב מיט די הֲדַסים און עֲרָבות; די הֲדַסים פון רעכטס און די עֲרָבות פון לינקס; אַלע ווי זיי וואַקסן מיטן שפּיץ אין דער הייך. דער גראָבער רוקן פון לולב דאַרף זייַן אויסגישטעלט צום מענטש, וואָס האַלט אים.

יד. פאַרן מקיים זייַן די מצווה דאַרף מען, ווי בייַ אַלע מצוות, מאַכן אַ בּרכה. מ'דאַנקט און מ'לויבט דעם באַשעפער פאַר

דעם, וואָס ער האָט אונדז גיגעבן זיינע הייליקע מִצוות. די בְּרָכָה דאַרף מין, פאַרשטייט זיך, מאַכן איידער מ׳איז מְקַיים די מִצווה; נישט צו פיל פריִער, נאָר גאָר נאָנט דערצו. מ׳נעמט דעריבער אין דער רעכטער האַנט דעם לולב מיט צוזאַמינגיבונדינע הֲדַסים און עֲרָבות. אין דער לינקער האַנט נעמט מין ווידער דעם אֶתרוג, נאָר מיטן פּיטום (דער שפּיץ פונים אֶתרוג) אַראָפּ א). מ׳מאַכט דעמלט די בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ	גילויבט ביזטו גאָט, אונדזער גאָט, קיניג
אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם,	פון דער וועלט, וואָס האָט אונדז
אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו	גיהייליקט מיט זיינע מִצוות און אונדז
וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת לוּלָב.	באַפוילן וועגן נעמין דעם לולב.

דערנאָך דרייט מין איבער דעם אֶתרוג מיטן פּיטום אַרויף, אַזוי ווי ער וואַקסט און מ׳גיט אַ שאָקל.

אינים ערשטן טאָג יום טוב מאַכט מין אויך ביים בענטשן אֶתרוג די בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָנוּ.

טו. ווייל דער לולב איז דער העכסטער פון אַלע פיר מִינים, מאַכט מין איבער אים די בְּרָכָה. דער אֶתרוג איז אָבער, פון אַלע פיר, די שענצטע און די חָשובסטע פְּרי. דעריבער רופט מין די מִצווה אין יידיש: אֶתרוג־בענטשן.

באַמערקונג:

א) מ׳האַלט דעם אֶתרוג פריִער מיטן פּיטום אַראָפּ, כְּדֵי מ׳זאָל נישט האָבן גיטון די מִצווה, איידער מ׳האָט גימאַכט די בְּרָכָה. ערשט ווען מ׳האָט שוין גימאַכט די בְּרָכָה, דרייט מין איבער דעם אֶתרוג, ווייל מ׳קאָן מְקַיים זיין די מִצווה פון די פיר מִינים נאָר דעמלט, ווען מ׳האַלט זיי מיט די שפּיצן אַרויף, אַזוי ווי זיי וואַקסן.

הושענות.

טז. אין די סוכות־טעג זאָגט מען אין שול ביים דאַווענען
אַ ספּעציעלע תּפלה, וואָס הייבט זיך אָן מיטן וואָרט הושענאָ —
העלף! דעם זיבעטן טאָג זאָגט מען זייער פיל פון די הושענא־
תּפלות. אין די הושענא־תּפלות בעט מען, ס׳זאָל אַ גאַנץ יאָר
נישט אויספעלן קיין וואַסער פאַר אַלערליי געוויקסן. דערביי
האַלט מען דריי אָדער פינף ריטלעך פון די ערבות און ביים
ענדיקן קלאַפּט מען די ריטלעך פינף מאָל אין דער ערד. דאָס
איז אַ מנהג נאָך פון די הייליקע נביאים. דעריבער רופט מען די
ערבה־ריטלעך אין יידיש: הושענות.

שמיני עצרת.

יז. שמיני עצרת האָט דער איבערשטער אונדז געזאָגט. אַז נאָך
די זיבן טעג סוכות זאָלן מיר אויפהאַלטן די שמחה און די
יום־טובדיקייט אַן אַכטן טאָג, ווי איינער זאָגט צו אַ ליבן גאַסט:
ס׳איז מיר שווער זיך צו שיידן מיט דיר, בלייב נאָך איבער ביי
מיר אַ טאָג! מ׳רופט דעריבער דעם יום־טוב: שמיני עצרת. דאָס
הייסט: דער אַכטער טאָג, דער אויפהאַלטונגס טאָג.

שמחת תּורה.

יח. אין ארץ ישׂראל זענען אַלע גאַנצע ימים טובים נאָר איין
טאָג: סוכות מיט שמיני עצרת — אַכט טעג, פּסח — זיבן טעג,
שבועות — נאָר איין טאָג. אויסער ארץ ישׂראל מאַכן מיר אָבער
צוליב אַ ספּעציעלן טעם צוויי טעג יום טוב. דער נייַנטער טאָג
איז דעריבער נישט מער, ווי דער צווייטער אַכטער אויפהאַלטונגס
טאָג. ס׳הייסט דעריבער אויך: שמיני עצרת. מ׳רופט אים אָבער אויך:
שמחת תּורה, ווייל מ׳ענדיקט דעמאָלט צו לערנען די תּורה אין
די שולן. לייענענדיק יעדן שבת אַ טייל פון דער תּורה, ענדיקט

מין אין אַ יאָר די גאַנצע תּורה. מ־הייבּט אבער אָן אויך אין דעם טאָג די תּורה צו לערנין אויפסניי, כְּדֵי זי אויפס יאָר שִׂמְחַת תּורה ווידער צו ענדיקן.

יט. מ־מאַכט דעריבּער אין דעם טאָג גאָר באַזונדערע שִׂמְחות.

מ־גייט ארום צוליב דעם אין דער שול מיט דער סֶפֶר תּורה זיבן מאָל ארום דער בּימה (בּעלעמער – דאָס ארט, וואו מ־ליינט פאַר אַלע די תּורה). מ־רופט דאָס הַקָפות – אומקרייזלונג. מ־טאַנצט דעריבּיי מיט דער תּורה; יִדישע קינדער האַלטן אויך פאַפּירענע פענער; אַלע יִדן פרייען זיך, וואָס מ־האט זוכה גיוועֶן צו ענדיקן און וויטער אָנצוהייבּן לערנין די הייליקע תּורה.

געזעצט בּיי ג. קראנענבּערג איז בּילגוריי.